SILABUS IN IDISHER GESHIKHTE

Wolf Snyder

•



NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave,* or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

סילאַבוס
אין
אידישער געשיכטע



פון
וואָלף שניידער
מיט דער מיטהילף פון
פעדאַגאָגישן קאָמיטעט

ארויסגעגעבן פון
צענטראַל קאָמיטעט
פון די אידישע פאָלק שולן

ISBN:0-657-12656-X


CENTRAL COMMITTEE OF THE JEWISH FOLK SCHOOLS

סילאבוס
אין
אידישער געשיכטע

פאַר די אידישע פאָלק שולן

ערשטער ציקל — דאָס צווייטע לערניאָר

פון וואָלף שניידער

מיט דער מיטהילף פון
פּעדאַגאָגישן קאָמיטעט פון
צענטראַלן שולן קאָמיטעט



צענטראַלער קאָמיטעט
פון די אידישע פאָלק שולן
פון
אידיש-נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד
און פועלי ציון - צעירי ציון.





ניו יאָרק - 1941

סילאבוס אין אידישער געשיכטע

פאר די אידישע פאָלק שולן

ערשטער ציקל
דאס צווייטע לערניאר

פון וואלף שניידער

מיט דער מיטהילף פון פעדאגאגישן קאמיטעט
פון צענטראלן שולן קאמיטעט

ארויסגעגעבן פון דעם צענטראלן שולן קאמיטעט
פון איד. נאצ. ארבעט. פארבאנד און פועלי ציון-צ"צ

ניו-יארק, 1941.

אינהאלט

	ביבליאגראפיע	זייטן 4-6
	אריינפיר	זייטן 7-9
1.	עזרא	זייטן 10-11
2.	נחמיה	זייטן 12-13
3.	מתתיהו	זייטן 14-15
4.	יהודה המכבי	זייטן 16-17
5.	שמעון בן שטח	זייטן 18-19
6.	הלל הנשיא	זייטן 20-21
7.	יוסיפוס פלאוויאוס	זייטן 22-24
8.	יוחנן בן זכאי	זייטן 25-26
9.	רבי עקיבא	זייטן 27-28
10.	בר כוכבא	זייטן 29-30
11.	פון די עשרה הרוגי מלכות: ר' עקיבא, ר' חנינא בן תרדיון, יהודה בן בבא	זייטן 31-32
12.	ר' מאיר	זייטן 33-34
13.	יהודה הנשיא	זייטן 35-37
14.	אבא אריכא	זייטן 38-40
15.	מר שמואל	זייטן 41-43
16.	יוחנן בן נפחא	זייטן 44-47
17.	ריש לקיש	זייטן 48-49
18.	רב אשי	זייטן 50-52
19.	בוסתנאי	זייטן 53-54
20.	ר' סעדיה גאון	זייטן 55-57
21.	ר' חסדאי שפרוט	זייטן 58-59
22.	שמואל הנגיד	זייטן 60-61
23.	שלמה אבן גבירול	זייטן 62-63
24.	יהודה הלוי	זייטן 64-65

.25 אברהם אבן עזרא	זײַטן 66-67
.26 רמב"ם	זײַטן 68-71
.27 דוד אל ראי	זײַטן 72-73
.28 רש"י	זײַטן 74-75
.29 דון יצחק אברבנאל	זײַטן 76-78
.30 דער מהר"ל	זײַטן 79-80
.31 מנשה בן ישראל	זײַטן 81-82
.32 דער בעל שם טוב	זײַטן 83-86
.33 דער ווילנער גאון	זײַטן 87-90
.34 לוי יצחק (בן מאיר) בערדיטשעווער	זײַטן 91-93
.35 משה מענדעלסאָן	זײַטן 94-96
.36 חיים סאָלאָמאָן	זײַטן 97-98
.37 עמנואל נח	זײַטן 99-100
.38 קאַפּיטאַן דרייפוס	זײַטן 101-102
.39 ד"ר הערצל	זײַטן 103-105
.40 יוסף טרומפּלדור	זײַטן 106-108
א מוסטער לעקציע פאַר 2-טן לערניאָר	זײַטן 109-116

ביבליאָגראַפיע:

געשיכטע:

1. ה. גרעץ, ״ידישע געשיכטע, 1,2,3,4,5 באנד (אין ענגליש)
2. ה. גרעץ, ״ידישע געשיכטע, 1,2,3,4 באנד (אין ״ידיש)
3. ש. דובנאָוו, די נײסטע געשיכטע פון דעם ״ידישן פאָלק (אין ״ידיש און אין רוסיש). 3־טער באנד
4. סאלאָ װיטמײער באראָן, „אַ סאָשיעל ענד רעלידזשיעס היסטאָרי אָװ די דזשוס". 1־טער און 2־טער באנד.
5. ח. שױס, די גרױסע ״ידישע געשיכטע, 3־טער און 4־טער באנד
6. א. גינזבערג, ״ידישע דענקער און פאָעטן, 1־טער טײל
7. ש.צ. זעצער, רב ישראל בעל שם טוב, 1־טער און 2־טער באנד
8. ש. ראָזענפעלד, ״ידישע געשיכטע, 1־טער און 2־טער באנד
9. מארגאָלים און מארקס, „היסטאָרי אָװ די דזשואיש פיפל"
10. ש. דובנאָוו, ״ידישע געשיכטע, 1,2,3 באנד פאר שול און פאָלק, איבערזעצט פון ח. ליבערמאן און מ. ליװשיץ
11. פרץ װערניק, די געשיכטע פון די ״ידן אין אמעריקע.
12. ל. לעװינדזשער, „אַ היסטאָרי אָװ די דזשוס אין די יו.עס.", סינסינעטי, 1935
13. ״ידישע ענציקלאָפעדיע (אין ענגליש)
14. אײזיק הירשװײם, דור דור ודורשיו.

לעגענדעס:

15. ל. גינזבערג, „די לעדזשענדס אָװ די דזשוס", 4־טער און 6־טער באנד
16. ״ידישע אגדות בעארבעט דורך י.ח. ראװניצקי און ח.נ. ביאליק, 2־טער באנד
17. י.ב. לבנר, כל אגדות ישראל, חלק רביעי
18. ש. באַסטאָמסקי, ״ידישע לעגענדעס (געזאמלט פון:), 1־טער באנד
19. א. ליטװין, ״ידישע נשמות, 1־טער באנד, פארלאג פאָלקס־בילדונג. ניו יאָרק, 1916.
20. ספר נפלאות קדושת לוי, װארשע, תרע"א, זײטן ב–י"ד
21. ספר נפלאות בית לוי, פיעטראקאָװ, תרע"א, זײטן ג–מ"ז
22. לואיס גינזבערג, „די גאָאָן ר׳ אײלײזשע װילנע", ניו יאָרק, 1920
23. ספר שבחי מהגאון מװילנא, װארשע, תרפ"ז.

מעמזארן מאטעריאל:

24. צפורה זייד, מיט די שומרים אין גליל. (מעמזארן וואס ארבעטאָרינס דערציילן, צוזאמענגעשטעלט פון ר. בצנלסון־רובאשאָוו)

25. י.ח. ברענער, תל חי אין "די סטאָרי און טעל כאי" (אין ענגליש)

26. מ.פאָזנאנסקי, דאס לעבן פון יוסף טרומפלדור אין "די סטאָרי און טעל כאי" (אין ענגליש)

27. אויסצוגן פון יוסף טרומפלדורס טאָג־בוך אין "די סטאָרי און טעל כאי"

דערציילישער מאטעריאל פאר קינדער:

28. בעטי קאלישער, "וואטשמען און די נייט", סינסינעטי, יוניאן אמעריקן היברו, 1936.

29. ל. לעווינדזשער, "גרעיט דזשוס סינס ביבל טיימס", בערמאנ׳ס בוק־האוז, ניו יארק, 1938.

30. גאָלדין, "בוק און די לעדזשענדס", 3־טער באנד, דזשאָרדאן פאָב.קאָ.1937.

31. דזשיי מ.חיים, "גרעיט מען און איזראעל", בלאק פאָבלישינג קאָ. 1938.

32. צינדראף, "סאם דזשואיש היימען"

33. מ. הערים, "טאוזענד יירס און דזשואיש היסטאָרי", בלאק פאָבלישינג קאָ. 1911.

34. וואלף פאסקעלעס, (פאשעלעס), "דזשואיש לעדזשענדס און די מידל אייזשעס", נ.י. פאָבלישינג קאָ.

35. ראבי דזש. מעקס חיים, "גרעיט מען אין איזראעל", בלאק פאָבלישינג קאָ. 1938.

36. אברהם בורשטיין, "די באי קאלד רש"י", בערמאנ׳ס בוק האוז, נ.י.1940

37. לארד ביקאָנספילד (דיזראעלי), דוד־אל־ראי

38. דזש. מייערס, "סטאָרי און די דזשואיש פיפל", 1־טער באנד, לאָנדאָן 1935.

39. אדאמס, "איי סקעטש און חיים סאלאמאן" (אין ענגליש) 2־טער באנד

40. לעאָן עלבע, פון יידישן קוואל

41. כרש ברדי, זכרונות ימי קדם, ספריה דזרות, תל אביב

42. ר. לוריע, "די גרעיט מארטש", 2 ביכער, יוניאן קאָנגרעגיישאָן, סינסינעטי, 1939.

43. ד. פעסין, "דזשייאנטס און די אזירט", בערמאנ׳ס דזשואיש בוק קאָ., נ.י., 1940.

44. א.ס.אייזיקס, "אונדער די סאבאט לעמפ", פילא., 1919.

45. יוסף גער, "די בוירנינג בוש", סינסינעטי, 1929.

46. ה.ס. באַראָן, חײם סאַלאָמאָן, בלאָק פּאַבלישינג קאָ., 1929.

47. י. גויכבערג, „קמצא בר קמצא", פארלאג מחנות, נ.י. 1931.

48. ע. לעװינדזשער, „גרעיט דזשואיש װימען", בערמאַנ'ס בוק האוז, 1940.

אריינפיר

די פאָרליגנדע ארבעט נעמט ארום פראַגראמאטיש דעם צווייטן טייל פון דעם ערשטן ציקל "ידישער געשיכטע. *)

דער מאטעריאל איז דאָ קאָנצענטרירט ארום א צאָל היסטאָרישע העלדן און פירער און איז איינגעטיילט אין 40 באזונדערע לעקציעס. יעדע לעקציע באשטייט פון פאלגנדע טיילן: א) היסטאָרישער הינטערגרונט און ב) פאקטן און לעגענדעס וועלכע האָבן א שייכות צו דער ביאָגראפיע פון דעם באטרעפנדן העלד אָדער פירער. פון דעם אָנגעגעבענעם מאטעריאל וועט דער לערער צונויפשטעלן די לעקציע וועלכע ער האָט בדעה פאָרצוברענגען פאר די קינדער אין קלאס.

א) היסטאָרישער הינטערגרונט.

אונטער דעם קעפל ווערן אין יעדער לעקציע אָנגעגעבן איניקע וויכטיקע היסטאָרישע פאקטן וועלכע כאראקטעריזירן די עפּאָכע אין וועלכער די באטרעפנדע גרויסע פערזענלאכקייט (העלד, פירער, דיינקער, א.א.) האָט געלעבט און געווירקט. יענע פאקטן (איניקע אויב ניט אלע) קען דער לערער ליבט אויסנוצן בעת ער וועט אין זיין לעקציע שילדערן דאָס לעבן פון דעם העלד אָדער פירער.

ב) ביאָגראפישע פאקטן און לעגענדעס.

אונטער פארשיידענע קעפלאך ווערן אין יעדער לעקציע איבערגעגעבן יענע היסטאָרישע פאקטן ווי אויך לעגענדעס, וועלכע האָבן א שייכות צו דעם לעבן פון דעם געגעבענעם העלד, דיינקער אָדער פירער. באם אָפּקלייבן דעם היסטאָרישן ווי אויך דעם לעגענדע-מאטעריאל צו יעדער לעקציע האָב איך שטענדיק אויסער אנדערע מאָמענטן אויך אין זינען געהאט דעם עלטער און די אויפנעם-פייאיקייט פון דעם שילער פון דעם באטרעפנדן קלאס.

בנוגע דעם לעגענדע-מאטעריאל און זיין כאראקטער נעם איך זיך דאָ די דערלויבניש צו ציטירן די זייער טרעפלאכע באמערקונג פון ש. ראָזענפעלד

---

*) זע מיין הקדמה אין דעם סילאבוס אין "ידישער געשיכטע, ערשטער ציקל, דאָס ערשטע לערניאר.

אין זיין מאָנאָגראַפיע איבער דעם בעל שם טוב. ער שרייבט: „.....קומט מען אָבער זאַמלען דעם מאַטעריאַל פאַר זיין (דעם בעל שם טוב'ס) לעבנס געשיכטע; זיפּט איר עס און קלייבט עס איבער, בלייבט אייך אין די הענט בלויז ... לעגענדע. זי נעמט אים אויף נאָך פאַר'ן געבוירן, און לאָזט אים ניט אָפּ ביז אַ שמיק נאָכ'ן טויט ... די לעגענדע, אָדער לעגענדעס, זיינען כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן פאָלק, וואָס האָט זיי געשאַפן, פאַר דער צייט, ווען מ'האָט זיי געשאַפן, אָבער קיין געשיכטע זענען זיי ניט". (אונטערגעשטראָכן פון וו.ש.) *)

אַט די באַמערקונג קען מיט איניקע רעזערוואַציעס אויך ווערן אָנגעווענדט אויף אַ סך לעגענדעס, וועלכע זיינען אריין אין דעם פאָרליגנדן סילאַבוס. דער לערער וועט זיכער וויסן ווי אַזוי אויסצונוצן דעם לעגענדע מאַטעריאַל אין דעם אַלגעמיינעם געוועב פון זיין קלאַס-לעקציע.

די צאָל לעקציעס אין דעם סילאַבוס.

דער סילאַבוס אַנטהאַלט פערציק לעקציעס, כאָטש דער אָריגינעלער פּלאַן איז געווען אויסגערעכנט בלויז אויף פינף-און-דרייסיק. דער דאָזיקער שנוי איז געמאַכט געוואָרן מחמת די קאַמיסיע פון דעם צ.ש.ק. גלויבט אַז אויך אַזעלכע פּערזענלאַכקייטן ווי רב און שמואל, יוחנן בן נפּחא און ריש לקיש, סעדיה גאון קענען פאַרגעבראַכט ווערן אין דעם צווייטן לערניאָר אַזוי, אַז די קינדער זאָלן זיי באַגרייפן. אַ פאַרזוך יעדנפאַלס מעג און דאַרף געמאַכט ווערן.

אָנגענומען אָבער אַז דער סכום אָפיציעלע לעקציעס אין געשיכטע דורכן יאָר באַטרעפט ניט מער ווי אַן ערך, צווישן דרייסיק און פינף-און-דרייסיק, האָט דאָ דער לערער אַ פיל ברייטערן אויסוואַל. יענע לערער, ווידער, וועלכע לערנען אונטער מער גינסטיקערע אומשטענדן און קענען דעריבער ווידמען דעם געשיכטע לימוד מער ווי די אָפיציעלע צאָל שעה'ן, האָבן די געלעגנהייט אויסצונוצן דעם גאַנצן מאַטעריאַל פון דעם סילאַבוס.

*) זע ש. ראָזענפעלד, יידישע געשיכטע, צווייטער טייל. ז. 215

בראנאלאגישע דאטעס.

זאל מיר דא דערלויבט זיין איבערצוחזר'ן א צווייטן מאל דאס וואס איך האב געזאגט אין דער הקדמה צום סילאבוס פאר דעם ערשטן לערניאר: די כראנאלאגישע דאטעס אין דעם סילאבוס זיינען אנגעגעבן מיט'ן צוועק אז דער לערער זאל זיי האבן צו דער האנט, ניט אז די קינדער זאלן זיי מוזן געדיינקען.

אנערקענונג:

בא דער געלעגנהייט וויל איך אויסדריקן א דאנק די חברים: י. ענטין, פ. גינגאלד, ל. רובינשטיין, ש. ווינער און ב. מארקוס, מיט וועמעס עצות טובות איך האב זיך באנוצט באם צוזאמענשטעלן דעם סילאבוס.

וו. שניידער

ע ז ר א

(געלעבט אין יאר 458 פ.ק.)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די ידן, וואס האבן זיך אומגעקערט אונטער דער פירערשאפט פון דעם פירשט זרבבל און יהושע הכהן אין די ציטן פון כורש׳ן, באוויזן ניט אריינצובריינגען ארדנונג אין לאנד. די שומרונים טענה׳ן, אז זיי זיינען ידן און ווילן זיך אויך באטייליקן אין דעם אויפבוי פון דעם בית המקדש, אבער די ידישע פירער זיינען קעגן. סנבלט, דער פירער פון די שומרונים, שטערט די ארבעט. פיל ידן זיינען זיך מחתן מיט די שומרונים, עמונים און מואבים. די געמישטע חתונות פירן דערצו, אז די קינדער פון אזעלכע ידן הויבן אן ריידן די שפראך פון זייערע מוטערס און עס דראט א געפאר, אז די שפראך פון די ידן זאל פארגעסן ווערן. די פירער שטיען ניט אויף דער ניטיקער הויך. כדי אריינצוברענגען ארדנונג און אויף אן אמת׳ן אויפבויען א ידישע מלוכה, ניטיקט זיך דאס ידישע פאלק אין א פירער. עזרא הסופר קומט קיין ארץ ישראל.

איניקע פאקטן פון עזרא׳ס לעבן.

עזרא וואוינט צווישן די ידן אין בבל און לעבט פון איבערשרייבן ביכער. די ידן פון בבל אכטן עזרא׳ן זייער שטארק און קוקן אויף אים ווי אויף א נביא. עזרא באשליסט צו פארן קיין ארץ ישראל און העלפן בויען דאס לאנד. דער פערסישער קעניג, ארטאקסערקס, גיט אים דערויף א דערלויבניש און באשטימט אים אפילו צו זיין דער הויפט אנפירער פון די ידן. מיט קרוב צו 2000 ידן קערט זיך עזרא אום קיין ירושלים און ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

עזרא פאררופט א פאלקס פארזאמלונג און פאדערט אויף דאס פאלק צו לעבן לויט די געזעצן פון דער תורה.

(זע ה.גרעץ, ידישע געשיכטע, ב-טער באנד, זייטן 93-98)

גאט הייסט עזרא׳ן אויפשרייבן די תורה.

עזרא דאוונט און בעט גאט. בעת׳ן דאווענען באקלאגט ער זיך פארוואס

ייִדן איז אַזוי שלעכט און אַנדערע פעלקער גוט. דער מלאך אוריאל פּרובירט אים געבן אַן ענטפער, אָבער עזרא איז מיט'ן ענטפער נישט צופרידן. אין אַ זעאונג באַווייזט זיך צו אים גאָט און אַזוי ווי משה'ן, הייסט ער אים אויפ־שרייבן די תורה. צוזאַמען מיט נאָך פינעף סופרים גייט עזרא אַרויס פון שטאָט און דאָרט, אויסערן שטאָט, אין אַ פּלאַץ אָפּגעזונדערט פון מענטשן, זעצן זיי זיך אַוועק פאַר דער אַרבעט. דער רוח הקודש רוט אויף אים און גאָט אַנטפּלעקט אים אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט פון דער באַשאַפונג פון דער וועלט אָן. אַזוי ווי משה, אַזוי האָט אויך עזרא פאַרבראַכט 40 טעג שרייבנדיק די תורה.

(זע ל.גינזבערג, „לעדזשענדס", 4־טער באַנד, זייטן 355־357)

<u>נאָך פאַקטן וועגן עזראַ'ס אויפטואונגען.</u>

עזרא קעמפט קעגן דעם אויסמישן זיך מיט פרעמדע פעלקער. ער פאָדערט אַז געמישטע חתונות זאָלן אויפהערן און יענע ייִדן, וועלכע האָבן געהייראַט נישט־ייִדישע פרויען, זאָלן זיך שיידן מיט זייערע פרויען און קינדער.

עזרא לאָזט אויפבויען שולן פאַר ייִדישע קינדער. ער וויל אַז די תורה זאָל נישט פאַרגעסן ווערן און טיילט דעריבער איין די תורה אין סדרות און שטעלט איין דעם מנהג, אַז יעדן שבת זאָל מען לייענען אַ סדרה; קלענערע טיילן פון דער תורה זאָלן אויך געלייענט ווערן אַלע מאָנטיק און דאָנערשטיק.

נאָך מנהגים וועלכע ער פירט איין זיינען: פרויען זאָלן באַקן דאָס ברויט זייער פרי, כדי צו קענען טיילן ברויט צו די אָרימעלייט ווען זיי וועלן גיין איבער די הייזער. מענטשן זאָלן זיך באָדן אָפט כדי צו האַלטן ריין דעם קערפער.

<u>פאַר די און נאָך אַנדערע פּונקטן זע:</u>

ה.גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש),ב־טער באַנד,זייטן 354־372

ה.גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ייִדיש), ב־טער באַנד, זייטן 93־98

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע , ב־טער באַנד, זייטן 231־234

ח.שויס, די גרויסע ייִדישע געשיכטע , 3־טער באַנד, זייטן 275־301

ל. גינזבערג,„די לעדזשענדס אָוו די דזשוס",4־טער באַנד,זייטן 354־359

סאַלאָ וויטמייער באַראָן, „אַ סאָשיעל ענד רעלידזשיעס היסטאָרי אָוו די דזשוס". ב־טער באַנד, זייטן 94־128

נ ח מ י ה

(געלעבט אין יאר 445 פ.ק.)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין לאנד הערשט נאָך אלץ נישט קיין אָרדנונג. די שומרונים, מואבים און עמונים ווערן נאָך מער פארביטערט צוליב עזרא׳ס פּאָליטיק און איינפירונגען.

געפירט פון סנבלט און געשטיצט פון די עמונישע און מואבישע שכנים, פאלן די שומרונים אָן אויף ירושלים און מאכן אָן א חורבן אין שטאָט. ייִדן פארמאָגן נישט קיין שטארקן רעגירונגס אפאראט, װעלכער װאלט געקענט אָנפירן מיט דער ארבעט פון באפעסטיקן דאָס לאנד. ידיעות װעגן דער לאגע אין ארץ ישראל קומען אָן קיין בבל. נחמיה לאָזט זיך פאָרן קיין ארץ ישראל איינשטעלן אָרדנונג און באפעסטיקן דאָס לאנד.

איניקע פונקטן פון נחמיה׳ס לעבן.

דער קעניג דערלויבט נחמיה׳ן צו פאָרן אויף א צייט קיין ארץ ישראל און העלפן דעם אויפבוי פון לאנד און באשטימט אים פאר דעם פארװאלטער פון יהודה.

אויפ׳ן װעג פון שושן קיין ירושלים װערט נחמיה אויפגענומען אומעטום מיט גרויס כבוד.

נחמיה קומט קיין ירושלים און שלאָגט פאָר די ייִדן א פלאן װי אזוי צו באפעסטיקן די שטאָט.

נחמיה נעמט זיך פריער באפעסטיקן די שטאָט ירושלים. װידער װערט די ארבעט געשטערט פון די שומרונים, מואבים און עמונים. נישט געקוקט אויף די שטערונגען, באװייזן די ייִדן צו באפעסטיקן די שטאָט. (איניקע ארבעטער לייגן די שטיינער מיט איין האנט און האלטן א שװערד צו באשיצן זיך אין דער אנדערער).

אונטער נחמיה׳ן װערן אויך צוריק אויפגעבויט די חרוב געװאָרענע הייזער, און די אנטלאָפענע ייִדן, װי אויך ייִדן פון די דערפער, קומען זיך

באזעצן אין שטאט.

(זע ביבליאָגראַפיע באַם סוף פון דער לעקציע).

נחמיה פאָרט קיין ארץ ישראל.

נחמיה איז דער שר המשקים באַם פערסישן קעניג. זיין קרוב, חנניה, לאָזט נחמיה'ן וויסן וואָס עס טוט זיך אין ארץ ישראל. נחמיה ווערט זייער באַאומרואיקט צוליב דעם טרויעריקן צושטאַנד אין דעם ייִדישן לאַנד. דער קעניג פרעגט נחמיה'ן פאַרוואָס ער איז טרויעריק, און יענער דערציילט אים די סיבה. דער קעניג פילט מיט נחמיה'ן און דערלויבט אים צו פאָרן אויף א צייט קיין ארץ ישראל און צוריק אויפבויען דאָס לאַנד.

(דער לערער וועט ניט באַגיין פאַרברעכן אויב ער וועט אָננעמען די מיינונג פון דער גמרא, אז נחמיה איז אויך זרובבל'ס א נאָמען און אויסנוצן דאָס שיינע מעשה'לע וואָס ווערט צוגעשריבן זרובבל'ען).

(.....זרובבל שנזרע ומה שמו נחמיה.....זע סנהדרין, לח')

זע ל.גינזבערג,„לעדזשענדס אוו די דזשוס",4־טער באַנד,זייטן 351־354

" " " " " " 6־טער באַנד,זייטן 438־439

(אנמערקונג 26).

פאַר די און אנדערע פונקטן זע:

ה.גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש),ב־טער באַנד, זייטן 372־389

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ייִדיש), ב־טער באַנד, זייטן 97־100

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע , ב־טער באַנד, זייט 235

ח. שוים, די גרויסע ייִדישע געשיכטע , 4־טער באַנד, זייטן 23־49

ל. גינזבערג,„די לעדזשענדס אוו די דזשוס",4־טער באַנד,זייטן 351־354

מתתיהו

(געלעבט ארום דעם יאָר 167 פ.ק.)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די גריכן פארנעמען דאָס ייִדישע לאנד. די לאגע פון די ייִדן ווערט זייער שלעכט אין די צייטן פון קעניג אנטיוכוס. איניקע פון די גזרות וואָס אנטיוכוס גיט ארויס אויף די ייִדן זיינען: אלע ייִדן מוזן דינען צו די גריכישע אָפּגעטער; ייִדן טאָרן ניט אָפּהיטן דעם ריטואל פון זייער ייִדישער אמונה; ייִדן טאָרן ניט אָפּהיטן שבת און יום טוב. אין בית המקדש ווערט אויפגעשטעלט א גרויסע סטאַטוע פון דעם גריכישן גאָט צעאוז. אנטיוכוס שיקט ארויס באאמטע זיי זאָלן אכטונג געבן, אז זיינע געזעצן זאָלן ווערן אָפּגעהיט. מתתיהו חשמונאי, דער אלטער כהן פון דעם שטעטעלע מודיעין, און זיינע זין שאַפן א קליינע ארמיי וואָס הויבט אָן דעם קאַמף קעגן די גריכן. מתתיהו רופט די ייִדן אנצושליסן זיך אין זיין ארמיי. מתתיהו שטאַרבט אין קאַמף פאַר פרייהייט.

חנה און אירע זיבן זין.

חנה בת נחום און אירע זיבן זין ווערן ארײַנגעזעצט אין תפיסה דערפאַר וואָס זיי האָבן ניט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייער אמונה.

דער קעניג אנטיוכוס הייסט ברענגען די מוטער מיט אירע זיבן זין אי פּאַלאַץ ארײַן און וויל זיי צווינגען צו בוקן זיך צום אָפּגאָט. איינער נאָכ'ן אנדערן האָבן חנה'ס זין זיך אָפּגעזאָגט צו בוקן און האָבן דערפאַר באצאָלט מיט זייער לעבן. אויך דער קלענסטער פון די ברידער וויל ניט פאָלגן דעם קעניג. דער קעניג וואַרפט אראָפּ זיין רינג אויפ'ן דיל, לעבן דער סטאַטוע, און באַפעלט דעם קלענסטן פון די ברידער (נאָך גאָר א קינד) ער זאָל דעם רינג אויפהויבן און אזוי ארום שאַפן דעם איינדרוק, אז ער בוקט זיך פאַר'ן אָפּגאָט. דאָס קליינע קינד זאָגט זיך אָפּ. דער קעניג באַפעלט דער מוטער זי זאָל יעם קינד הייסן פאָלגן און אזוי ארום ראַטעווען דאָס קינד און זיך פון טויט. די מוטער זאָגט זיך אָפּ. חנה און אירע זין שטאַרבן פאַר זייער אמונה.

זע ייִדישע אגדות בעארבעט פון א.א.ו., 2-טער באנד, זייטן 11-13.

מתתיהו קעמפט קעגן די גריכן.

גריכישע סאָלדאטן קומען קיין מודיעין צווינגען די ייִדן צו בוקן זיך צו דעם גריכישן אָפּגאָט. די סאָלדאטן שטעלן אויף א מזבח צום גריכישן אָפּגאָט. מתתיהו זאָגט זיך אָפּ צו בוקן צו דעם אָפּגאָט און מקריב זיין צו אים קרבנות. צוזאמען מיט זיינע זין און נאָך ייִדן הרג׳עט מתתיהו דעם גריכישן קאָמאנדיר און פארטרייבט די סאָלדאטן פון שטאָט. אסך ייִדן פון אנדערע שטעט שליסן זיך אָן אן מתתיהו׳ס ארמיי. מתתיהו קעמפט העלדיש מיט די גריכן.

פאר די און נאָך אנדערע פונקטן זע:

ה.גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש), 1-טער באנד, זייטן 442-471

ה.גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ייִדיש), 2-טער באנד, זייטן 123-128

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע , 2-טער באנד, זייטן 25-30

ח. שויס, די גרויסע ייִדישע געשיכטע , 4-טער באנד, זייטן 208-223

ייִדישע אגדות בעארבעט פון א.א.ו., 2-טער באנד, זייטן 11-13

י.ב. לבנר חלק רביעי, זייטן 236-245

לייען מאטעריאל פאר קינדער:

צינדראָף, „סאָם דזשואיש ווימען”

יהודה המכבי*

(געלעבט אין יאר 167 פ.ק.)

היסטארישער הינטערגרונט:

די דאזיקע לעקציע דארף באטראכט ווערן ווי א פארטזעצונג פון דער פריערדיקער. דער היסטארישער הינטערגרונט אין ביידע לעקציעס איז אזוי ארום דערזעלביקער. פאלגנדע פונקטן דארפן ווערן ארויסגעבראכט: נאך מתתיהו׳ס טויט ווערט יהודה המכבי דער קריגספירער פון דער "יידישער ארמיי". כאטש יהודה איז איינער פון די יינגסטע פון מתתיהו׳ס זין, איז ער אבער דער העלדישסטער צווישן זיי. זיין ברודער, שמעון, ווערט דער עצה געבער. יהודה מאכט פילע אנ־פאלן אויף די גריכן. יהודה מיט זיין ארמיי פארטרייבן די גריכן פון ירושלים און פייערן דעם זיג מיט דעם יום טוב חנוכה.

יהודה און אפאלאניאוס.

אפאלאניאוס דער סירישער פארוואלטער גייט מיט א גרויס חיל קעגן יהודה׳ן. יהודה און זיין ארמיי שלאגן זיך העלדיש און פארטרייבן די סירישע סאלדאטן. אפאלאניאוס פאלט אין שלאכט. יהודה נעמט ארונטער פון אפאלאני־אוס׳ן די שווערד און באנוצט זיך מיט איר אין די ווייטערדיקע שלאכטן.

יהודה פארטרייבט די גריכן פון ירושלים.

אנטיאוכוס שיקט א גרויסע ארמיי צו פארכאפן ירושלים. יהודה דערוויסט זיך אז די גריכישע סאלדאטן זיינען אריין קיין ירושלים, האבן צוגערויבט די טייערע (כלים) חפצים פון בית המקדש און אומריין געמאכט דאס הייליקע הויז. יהודה מיט זיין ארמיי פארטרייבן די גרויסע ארמיי פון גריכישע סאלדאטן.

(* אין דער לעקציע דארף דער לערער ארראנזשירן זיין מאטעריאל אזוי, אז דער קלימאקס אין דעם ספור המעשה, וועלכע ער וועט דערציילן דעם קלאס, זאל זיין דער יום טוב חנוכה - דער יום טוב פון זיג, פון באפרייאונג. דער לערער וועט אזוי ארום דערגרייכן דאס וואס בא די קינדער וועט דער העלד אסאציאירט ווערן מיט דער פאסירונג ד.ה. יהודה המכבי מיט חנוכה)

דער קאָמאַנדיר ליזיאַס טרעט ארוים קעגן די ייִדן מיט א גרויסער ארמיי.
צו יהודה׳ן קומען צו נאָך מער ייִדן, און די העלדישע ייִדישע ארמיי פארטרייבט
די גריכן פון ירושלים. דער זיג ווערט געפייערט מיט א גרויסן יום טוב. דורך
די 8 טעג ווערט אויך דאָס בית המקדש באַנייט.

דאָס קריגעלע בוימל.

חשמונאים זיגן איבער די גריכן. אין דעם בית המקדש געפינט מען נאָר
איין קריגעלע בוימל, פארחתמעט מיט׳ן כהן גדול׳ס זיגל. אין דעם קריגעלע
איז דאָ קוים גענוג בוימל אויף איין טאָג. דורך א נס גיסט זיך בוימל פון
דעם קריגעלע גאַנצע אכט טעג.

פאר די און נאָך פונקטן זע:

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע, 2־טער באַנד
ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (ענגליש) 1־טער באַנד, זייטן 460־482
״ ״ ״ ״ 1־טער באַנד, זייטן 128־134
ח. שויס, די גרויסע ייִדישע געשיכטע, 4־טער באַנד, זייטן 237־257
ייִדישע אגדות בעארבעט פון א.א.ח. 2־טער באַנד, זייטן 13־14.

שמעון בן שטח

(געלעבט אין יאר 83 פ.ק.)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

רוים הערשט איבער יהודה. דער שלעכטער יידישער קעניג אלכסנדר ינאי האט מער אין זינען מלחמות ווי דאס פאלק. דער קעניג רינגלט זיך ארום מיט מענטשן וואס דאגה'ן וועניק וועגן דער לאגע פון די ארימע מענטשן. די בעסטע מענטשן ווערן דערווייטערט פון דער מלוכה. א סך געלערנטע און גוטע פירער האבן מורא פאר'ן קעניגס צארן און אנטלויפן פון לאנד.

שמעון בן שטח, דעם קעניג'ס שוואגער, איז איינער פון די אנטלאפענע.
דער קעניג שטארבט, און זיין פרוי (שלומית) רעגירט דאס פאלק. די קעניגן רופט צוריק די אנטלאפענע געלערנטע.

שמעון בן שטח און זיינע געלערנטע חברים ווערן די פירער פון לאנד.
שמעון גיט ארויס א געזעץ אז אלע יידישע קינדער (רייך צי ארים) זאלן קריגן א יידישע דערציאונג.

שמעון בן שטח דער ערלאכער מענטש.

שמעון בן שטח האט אסך תלמידים. זיין חיונה אבער ציט ער פון פארקויפן פלאקס און ער לעבט אין נויט. כדי זייער לערער שמעון זאל זיך ניט דארפן טראגן מיט דעם פלאקס, קויפן אים די תלמידים אן איזל בא אן אראבער. שמעון בן שטח געפינט אין דעם איזלס האלזבאנד א טייערן איידעלשטיין. די תלמידים זיינען שטארק צופרידן וואס זייער רבי איז נתעשר געווארן. שמעון בן שטח אבער נעמט דעם שטיין און שיקט אים אפ דעם אראבער. דער אראבער איז זייער צופרידן און לויבט דעם גאט פון שמעון בן שטח.

(זע יידישע אגדות 2-טער באנד, זייט 64)

שמעון בן שטח און דער קעניג ינאי.

דעם קעניג ינאי'ס א קנעכט הרג'עט א מענטשן. לויטן יידישן דין מוז אין אזא פאל דער אייגנטימער פון דעם קנעכט זיך שטעלן פארן געריכט. דער קעניג קומט און זעצט זיך אוועק לעבן שמעון בן שטח, וועלכער איז דער פארזי-

צער פון געריכט. בשעת׳ן משפט הייסט שמעון דעם קעניג ער זאל זיך אויפשטעלן בעת מ׳הערט אויס די עדות קעגן אים, ווייל אזוי איז דער דין. דער קעניג וויל ניט און פרעגט די אנדערע ריכטער. יענע ריכטער האָבן מורא צו ענטפערן. שמעון בן שטח מוסר׳ט אויס די ריכטער און הייסט ווידער דעם קעניג ער זאָל זיך אויפשטעלן ווייל דאָס פאָדערט דאָס געריכט אלס כבוד צו גאָט. דער קעניג פאָלגט און שטעלט זיך אויף.

("יידישע אגדות, באנד 2, זייטן 63-64)

<u>פאר די און נאך פונקטן זע:</u>

ש. דובנאָוו, "יידישע געשיכטע (אין ענגליש), 2-טער באנד, זייטן 35-57

ה. גרעץ, "יידישע געשיכטע , 1-טער באנד

י.ב. לבנר, כל אגדות ישראל , חלק רביעי, זייט 263

"יידישע אגדות בעארבעט פון א.א.וו. 2-טער באנד, זייטן 61-64

הלל הנשיא*)

(געלעבט אין יאר 30 פ.ק.)
(געשטארבן אין יאר 5 נ.ק.)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די רוימער הערשן איבער דעם ייִדישן לאנד. דער קעניג פון יהודה איז דאן דער גרויזאמער הורדוס — דער אדומי וואס איז פאַרהאסט פון דעם פאלק. אין לאנד זײַנען דא גרויסע געלערנטע וואס פארשפרייטן צווישן פאלק אסך חיבה און געבן אכטונג אז דאס פאלק זאל אפהיטן ייִדישקייט. פיל ייִדן וואוינען דאן אויך אין בבל. איינציקע פון זיי קומען קיין ירושלים זיך לערנען דא בא די גרויסע געלערנטע און בלייבן דארט וואוינען. איינער פון זיי איז הלל.

הללס ליבע צו תורה.

הלל און זײַן ברודער שבנא לעבן אין בבל. הלל לעבט אין אָרימקייט און לערנט תורה. זײַן ברודער, א סוחר, לעבט רײַך. שבנא שלאגט פאר הללן ער זאל ווערן זײַן שותף אין מסחר וועט אים זײַן גוט. הלל וויל פון דעם ניט הערן, ווײַל ער וויל בעסער לערנען תורה.

הללס ליבע צו תורה.

דער אָרימער הלל קומט קיין ירושלים לערנען תורה בא שמעיהן און אבטליונען. פון זײַן אָרעמען פארדינסט באצאלט ער האלב דעם שומר פון דער ישיבה ער זאל אים אריינלאזן צוהערן וואס די גרויסע לערער לערנען. אין א טאג ווען הלל האט ניט צו באצאלן לאזט אים דער שומר נים אריין. הלל קריכט ארויף אויפן דאך, לעגט זיך אוועק לעבן שײַן-פענצטער און הערט זיך אײַן אין די קלוגע רייד פון די געלערנטע. עס פאלט א שניי, אבער הלל ליגט אויפן דאך

---

*) די פילע וואונדערלאכע לעגענדעס, וועלכע שילדערן אזוי אינטים דאס לעבן און אנטוויקלונג פון הלל הבבלי ביז ער איז געווארן נשיא, וועלן דעם לערער זייער פיל ארויסהעלפן אין זײַן באמיאונג קלאר ארויסצוברענגען די ליבטיקע פערזענלאכקייט פון דעם גרויסן לערער און פירער.

פארטיפט אין די רייד פון די לערער און באמערקט נים אז ער וועט פארשאטן מיט שני. ערשט צומארגענס באמערקט מען הללין ליגנדיק אויפין דאך. מע ראטעוועט אים, און ער בלייבט פון דאן אן אין דער ישיבה לערנען. הלל וואקסט אויס א גרויסער געלערנטער, און ווערט שפעטער נשיא.

<u>הלל לערנט אויס א גוי די גאנצע תורה אויף איין פוס.</u>

א גוי קומט צום געלערנטן שמאי און זאגט אז ער איז גרייט צו ווערן א ייד אויב שמאי וועט אים אויסלערנען די גאנצע תורה אויף איין פוס. שמאי ווערט בייז און פארטרייבט אים פון הויז. דער זעלבער גוי קומט צו הללין און פארלאנגט פון אים דאסזעלבע. דער מילדער הלל ענטפערט אים: וואס דיר איז נישט ליב זאלסטו א צווייטן נישט טאן, דאס איז די תורה; דאס איבעריקע איז א דערקלערונג צו דער תורה.

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ש.דובנאוו, יידישע געשיכטע, 2-טער באנד

ה.גרעץ, יידישע געשיכטע (אין ענגליש) 2-טער באנד, זייטן 128-135

יידישע אגדות בעארבעט פון א.א.ו. 2-טער באנד, זייטן 72-77

<u>לייען מאטעריאל פאר קינדער:</u>

גאלדין, „בוק אוו לעדזשענדס", 3-טער באנד, זייטן 130-140

לעווינדזשער, „גרעיט דזשוס סינס בייבל טיימס"

יוסיפוס פלאוויאוס *)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד וואַקסט בא די ייִדן די אומצופרידנהייט מיט די רוימישע הערשער. און ערך א צענדליק יאָר פאַרן חורבן פון דעם צווייטן בית המקדש ווערט די לאַגע פון דער ייִדישער מלוכה אַלץ ערגער און ערגער. די רוימישע פאַרוואַלטער (פּראָקוראַטאָרס, „גאָווערנאָרס") דריקן זייער שטאַרק די ייִדן. אויסערדעם וואָס זיי צווינגען די ייִדן צו צאָלן הויכע צינזן שפּאָטן זיי נאָך אָפּ פון די ייִדן אויך. זיי רויבן די אָרימע ווי די רייכע; זיי שטערן די ייִדן אין זייערע פאַרזאַמלונגען אין דעם בית המקדש אין די ימים טובים. איין רוימישער פאַרוואַלטער פלעגט אפילו האַלטן בא זיך די בגדי כהונה פון דעם כהן גדול. די ניט־ייִדן, וועלכע לעבן אין לאַנד, זעען צו די באַציאונג פון דער רוימישער מאַכט צו די ייִדן, און נעמען זיך אויך שפּאָטן און אפילו פאַרפאַלגן זייערע ייִדישע שכנים. דער רוימישער פאַרוואַלטער פלאָרוס דערלויבט זיך אפילו צו פאָדערן דאָס געלט פון דער בית המקדש קאַסע, און, ווען מע גיט עס אים ניט, קומט ער קיין ירושלים מיט סאָלדאַטן און מאַכט א פּאָגראָם. ייִדן הויבן זיך אָן גרייטן צו אַן אויפשטאַנד קעגן רוים און קלייבן אויס יוסיפוס פלאוויאוס'ן פאַר איינעם פון די ייִדישע גענעראַלן.

---

*) ביים צוגרייטן זיך צו דער לעקציע ווי אויך ביים איבערגעבן זי די קינדער וועט דעם לערער אויסקומען צו פאַרבינדן דעם ביאָגראַפישן מאַטעריאַל וועגן יוסיפוס'ן מיט זיין אַנטייל אין דעם ייִדישן אויפשטאַנד קעגן רוים. דער לערער דאַרף זיך ניט שרעקן אַרויסצוברענגען פאַר די קינדער אויף א פּשוט'ן און קלאָרן אופן דעם פאַקט, אַז יוסיפוס האָט אין משך פון דער מלחמה געביטן זיין שטעלונג. דער לערער מעג זיך ריכטן אַז אין דעם פאַל וועלן אים די קינדער שטעלן די פראַגע פאַרוואָס יוסיפוס האָט זיך איבערגעגעבן צו די רוימער. ס'איז דעריבער בעסער אַז דער לערער זאָל אין דעם פאַל פאַרלויפן די קינדער דעם וועג. דער לערער וועט זיך אויך מוזן אַן עצה געבן ענטפערנדיק אויף דער שאלה, מחמת דער שואל איז א קינד.

אײניקע פאקטן פון זײן לעבן.

יוסיפוס, אדער יוסף, שטאמט אפ פון די חשמונאים (פון דער מוטערס זײט). ער קריגט א גוטע ײדישע דערציאונג. ער לערנט אויך גריכיש און וואקסט אויס א געלערנטער מאן. ער קען אויך די רוימישע שפראך. צו 27 יאר שיקט מען אים מיט נאך אײניקע חשובע מענטשן קײן רוים בעטן דעם קעניג ער זאל באפרײען עטלאכע ײדן וואס מ'האט געהאלטן ארעסטירט אין רוים. יוסיפוס בלײבט אין רוים עטלאכע יאר און קומט דערנאך צוריק א פרײנט פון די רוימער.

דער אויפשטאנד ברעכט אויס. יוסיפוס ווערט דער אנפירער פון דער ארמײ אין אײן טײל פון לאנד (גליל). ער שטעלט צונויף אן ארמײ פון הונדערט טויזנט מענטשן. בשעת דער מלחמה בײט ער זײן מײנונג. זײן פעסטונג ווערט באלאגערט און אײנגענומען פון די רוימישע סאלדאטן. יוסיפוס גיט זיך אונטער די רוימער. דער רוימישער קיסר (וועספאסיאנוס) הײסט אז יוסיפוס איז פאר שלום מיט די רוימער און שענקט אים אװעק אסך לאנד.

יוסיפוס דערלעבט זײנע לעצטע יארן אין רוים און שרײבט וויכטיקע ביכער וועגן דער געשיכטע פון דעם ײדישן פאלק.

ווען אײניקע רוימער טראכטן אויס בלבולים אויף ײדן שרײבט יוסיפוס ביכער און באווײזט אין זײ אז די בלבולים זײנען פאלש.

יוסיפוס גיט זיך איבער די רוימער.

יוסיפוס מיט זײנע סאלדאטן געפינען זיך אין פעסטונג און קעמפן מיטן שונא. ײדישע קריגער פארטײדיקן זיך העלדיש, אבער די פעסטונג ווערט דאך גענומען. טויזנטער ײדן קומען אום, אנדערע ווערן פארקויפט אלס קנעכט. אין א הײל (א ברונעם) ליגט יוסיפוס באהאלטן מיט נאך 40 קריגער. רוימישע סאלדאטן קומען אן. די ײדישע קריגער ווילן בעסער שטארבן אײדער זיך איבערגעבן דעם שונא און נעמען זיך דאס לעבן. יוסיפוס אבער פארלאזט די הײל און גיט זיך איבער.

פאר די און נאך אנדערע פונקטן זע:

ה.גרעץ, ײדישע געשיכטע (אין ענגליש) 2-טער באנד

ה. גרעץ, ײדישע געשיכטע (אין ײדיש) ב-טער באנד, זײטן 239-252

מארגאלים און מארקס „היסטארי אװ די דזשואיש פיפל”, זײטן 193-198

ש. דובנאָוו, ײדישע געשיכטע , 2-טער טײל, זײטן 97-102

<u>מאטעריאל פאר קינדער:</u>

הערים, „טאוזענד ײרס״, זײטן 123-124

לעווינדזשער, „גרײט דזשוס סינס בײבל טײמס״, זײטן 19-24

יוחנן בן זכאי

(געלעבט אין יאָר 70 נ.צ.)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די רוימער באלאגערן די שטאָט ירושלים. אין שטאָט הערשט הונגער און נויט. איניקע פירער ווילן ווייטער קעמפן און זיינען גרייט צו שטארבן איידער זיך אונטערגעבן דעם שונא. אנדערע ווילן בעסער שלום מאכן מיט די רוימער און אָפּשטעלן די מלחמה. יוחנן בן זכאי, הלל'ס א תלמיד, זעט פאָראויס אז די רוימער וועלן געווינען און וועלן חרוב מאכן דאָס לאנד. יוחנן וויל ראטעווען דאָס יידישע פאָלק פון אונטערגאנג.

די רייכע פרוי וואָס שטארבט פון הונגער.

אין ירושלים איז א הונגער. מרתא בת ביתוס, א גבירטע אין ירושלים, שיקט איר באדינער אין מארק קויפן זעמל מעל. דער דינער קערט זיך אום פון מארק און זאָגט אז דאָס זעמל מעל האָט מען אויסגעקויפט און מע קען קריגן נאָר ווייס־ברויט. די גבירטע שיקט אים נאָך ווייס־ברויט. דער דינער קערט זיך אום פון מארק און זאָגט אז אין מארק איז שוין קיין ווייס־ברויט אויך ניטאָ, נאָר גראָב ברויט. די מעשה חזר'ט זיך איבער עטלאכע מאָל. ענדליך היישט די גבירטע איר באדינער קויפן דאָס שווערע געדשטן ברויט, אָבער דער באדינער קומט אלץ צוריק מיט ליידיקן. די גבירטע גייט אליין אין מארק צו זען אפשר וועט זי דאָך עפעס קריגן. אין וועג טרעט זי אריין מיט אירע באָרוויסע פיס אין קויט, קען עס ניט איבערטראָגן און שטארבט. יוחנן הערט וועגן דער פאסירונג און באדויערט זייער שטארק.

יוחנן בן זכאי זעט ווי יידן קאָכן שטרוי און עסן.

יוחנן בן זכאי גייט ארוים אין גאַס. יידן קאָכן שטרוי און זופן דאָס וואסער. יוחנן זעט ווי יידן ליידן און טראכט: „איז דען מעגלאך אז יידן וואָס עסן געקאָכטע שטרוי זאלן קענען געווינען דעם קאמף מיט די רוימער?" יוחנן באשליסט צו גיין צום רוימישן גענעראל און עפעס פועל'ן בא אים פאר די יידן.

יוחנן גיט צו אספסיונוס׳ן.

״דן טאָרן ניט פארלאָזן די שטאָט. בלויז טויטע דערלויבט מען ארויס־צופירן פון שטאָט. יוחנן הייסט זיינע תלמידים אים אַנטאָן אין תכריכים און איין אַן ארון אים ארויספירן פון שטאָט אזוי ווי א מת. די תלמידים טוען אזוי. די סאָלדאטן באם טויער שטעלן זיי אָפּ, אָבער א דאנק יוחנן׳ס א קרוב לאָזן די סאָלדאטן זיי דורך. יוחנן קומט צו אספּיזנוס׳ן. אספּיזנוס, וועלכער איז צופרידן האָם דער גרייז־גרויער יוחנן איז פאר שלום מיט די רוימער, זאָגט יוחנן׳ען צו אז ער וועט אים דערלויבן צו באזעצן זיך מיט זיינע תלמידים אין יבנה און אויפבויען דאָרט א ישיבה.

פאר די און אנדערע פונקטן זע:

ש.דובנאָוו, ״ידישע געשיכטע , 2־טער באנד

ה. גרעץ, ״ידישע געשיכטע (אין ענגליש) 2־טער באנד, זייטן 320־334

״ידישע אגדות בעארבעט פון א.א.וו. 2־טער באנד, זייטן 38־50

ליי׳ען מאטעריאל פאר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואטשמען און די נייט״ , זייט 89.

לעווינדזשער, „גרעיט דזשוס סינס ביבל טיימס״, זייטן 24־28.

רבי עקיבא

(געלעבט אין יאָר 132 נ.צ.)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

רוים באהאנדלט זייער שלעכט די יידן אין ארץ ישראל. די קיסרים געבן ארויס שווערע גזרות וועלכע צילן צו פארניכטן יעדן שפור פון פרייהייט. אויף די יידן ווערן ארויפגעלייגט אסך שטייערן, און די רוימישע בעאמטע מאָנען זיי איין מיט אמתיער גרויזאמקייט. די רוימער פארמעסטן זיך אפילו אומצוברענגען דאָס יידישע פאָלק דורך ארויסגעבן באפעלן אז יידן זאָלן נישט טארן לערנען קיין תורה. אָבער עס געפינען זיך דאָך גרויסע געלערנטע וואָס זעצן פאָר די ארבעט און לערנען און פארשפרייטן די תורה. האדריאנוס איז אין אָנהויב פריינדלאך צו די יידן און זאָגט זיי אפילו צו אויפצובויען די שטאָט ירושלים און דאָס בית המקדש. שפּעטער אָבער בייט ער זיין באציאונג און פלאנט אפילו צו מאכן פון ירושלים א היידנישע שטאָט. דער גרעסטער פירער און לערער אין יענער צייט איז געווען ר׳ עקיבא.

עקיבא ווערט א גרויסער געלערנטער.

עקיבא דינט אלס פאסטוך באם רייכן כלבא שבוע. כלבא שבוע׳ס טאָכטער רחל, שטימט איין צו ווערן עקיבא׳ס כלה מיטן תנאי אז ער זאָל אוועקפאָרן זיך לערנען און ווערן א געבילדעטער מענטש.

כלבא שבוע דערוויסט זיך וועגן דעם און טרייבט ארויס רחלען פון זיין הויז. עקיבא און רחל האָבן חתונה, און עקיבא פאָרט אוועק קיין ירושלים לערנען. עקיבא הויבט אָן פון דעם אלף־בית בא א פשוט׳ן רבי׳ן פון קליינע קינדער, און נאָך יאָרן פון לערנען ווערט ער אליין א גרויסער געלערנטער און רבי פון צוואַנציק טויזענט תלמידים. נאָך צוועלף יאָר קערט זיך עקיבא אום אהיים אין דער באגלייטונג פון זיינע תלמידים און ווערט אויפגענומען מיט גרויס כבוד פון דער גאנצער שטאָט מענטשן. כלבא שבוע בעט זיך איבער מיט עקיבא׳ן און שענקט אים אוועק א האלב פון זיין פארמעגן. ר׳ עקיבא און רחל באזעצן זיך אין יענער שטאָט, אָבער פאר דעם געלט בויט ר׳ עקיבא אויס א ישיבה פאר אסך

„וואָס גאָט טוט איז גוט".

עקיבא גייט אין וועג און פירט מיט זיך אן אייזל, א האָן און א ליכט. ער קומט אָן אין א שטעטל באנאכט אָבער קיינער נעמט אים ניט אריין אין הויז, אויף נאכטלעגער. עקיבאין קומט אויס צו נעכטיקן אין פעלד. יענע נאכט פארצוקט א לייב זיין אייזל, א ווילדע קאץ צערייסט זיין האָן און א ווינט לעשט אויס דאָס ליכט. עקיבא פארלירט זיך ניט און ווי זיין שטייגער איז, טראכט ער זיך אז וואָס גאָט טוט איז גוט.

אינדערפרי דערוויסט ער זיך אז יענע נאכט איז א באנדע רויבער באַפאלן די שטאָט, אוועקגערויבט דאָס האָב און גוטס און די איינוואוינער אליין אוועקגעפירט אין געפאנגענשאפט.

עקיבא אין זיין טרויער אָדער דער חוב צו לערנען תורה.

ר' עקיבאס זון, ר' שמעון, איז געפערלאך קראנק, אָבער ר' עקיבא הערט ניט אויף צו לערנען מיט זיינע תלמידים אין דעם בית המדרש. פון צייט צו צייט שיקט ער א שליח געוואָר צו ווערן וואָס שמעון מאכט און זעצט ווייטער פאָר דאָס לערנען. ער וויל דאָס לערנען ניט שטערן. ערשט דאן, ווען דער שליח קומט און זאָגט אָן די בשורה אז שמעון איז אויסגעגאנגען, שטייט ר' עקיבא אויף, טוט אויס די תפילין, צערייסט אויף זיך די קליידער און זאָגט: „ביז אהער איז אויף אונדז געלעגן דער חוב פון לערנען, איצט ליגט אויף אונדז דער חוב אָפצוגעבן כבוד דעם געשטאָרבענעם". א גרויסער עולם איז געקומען צו דער לויה פון ר' עקיבאס זון.

פאַר די און אנדערע פונקטן זע:

ש. דובנאָוו, יידישע געשיכטע. 2-טער באנד

ה. גרעץ, יידישע געשיכטע (אין ענגליש). 2-טער באנד, זייט 350-360

יידישע אגדות בעאַרבעט פון א.א.וו. 2-טער באנד, זייטן 119-129 און 133-134

סאלא וויטמייער בראַון, „א סאָשיעל ענד רעלידזשיעס היסטאָרי אָוו די דזשוס". 1-טער באנד, זייטן 183-240

לייען מאטעריאל פאַר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואטשמען אָוו די נייט". זייטן 9-12

לעווינדזשער, „גרייט דזשוס סינס ביבל טיימס". זייטן 28-32

בר כוכבא

(געלעבט אין יאר 132 נ.צ.)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

דער קיסר האדריאנוס וויל אומברענגען די יידישע אמונה. ער גיט ארויס א גזרה וואָס פארבאָט די יידן צו לערנען תורה. אן אנדער גזרה פארבאָט די יידן אָפּצוהיטן פילע מצוות און מנהגים, וועלכע די יידן האלטן זייער טייער און הייליק. האדריאנוס קלייבט זיך אויך אויפצובויען א טעמפל צום רוימישן אָפּגאָט אויפן פלאץ פון דעם בית המקדש. יידן קענען נים אריבערטראגן די האנדלונגען פון האדריאנוס'ן, און איניקע פירנדע יידן גרייטן זיך צו מאכן אן אויפשטאנד קעגן רוים.

בר כוכבא און זיין ארמיי.

דער גבור בר כוכבא פון שטעטל כזיב נעמט צונויף אן ארמיי און איז גרייט ארויסצוטרעטן קעגן די רוימער.דער געלערנטער ר' עקיבא נעמט אים אָן פאר גאָט'ס געשיקטן משיח און גיט אים א נאָמען בר-כוכבא. נאָר מוטיקע קענען דינען אין זיין ארמיי. יעדער איינער וואָס וויל זיין אין דער ארמיי דארף זיך אליין אָפּהאקן דעם גראָבן פינגער פון דער האנט צו באשטעטיקן אז ער איז מוטיק. אויף דער פאָדערונג פון די חכמי ישראל, באשטימט שפעטער בר-כוכבא אז יעדער איינער וואָס וויל זיין א סאָלדאט זאל ~~באווייזן~~ פריער זיין גבורה דורך אויסרייסן אביימל רייטענדיק אויף א פערד.

בר-כוכבא אליין קען כאפן די שטיינער וואָס די רוימער ווארפן פון די מאשינען און זיי צוריקווארפן אויף די רוימער.

(זע יידישע אגדות. 2-טער באנד, זייטן 48-49)

בר-כוכבא'ס זיגן.

פון פילע שטעט קומען יידן זיך פארשרייבן אין בר-כוכבא'ס ארמיי. בר-כוכבא איז באַ זיך זיכער אז ער וועט זיגן. רופוס, דער רוימישער גענעראל, מיט זיין ארמיי גייט קעגן בר-כוכבא'ן.בר-כוכבא פארטרייבט רופוס'ן און זיינע סאָלדאטן פון גאנץ ארץ ישראל. בר-כוכבא נעמט איין 50 פעסטונגען. דער קיסר

האדריאַן שיקט נאָך סאָלדאַטן, אָבער אויך זיי האָבן דערמיזעלבן סוף. ייִדן באַפרייען זיך פון די רוימער און ווערן זעלבשטענדיק.

בר־כוכבא הערשט אין יהודה און לאָזט אפילו אויסגיסן ייִדישע מטבעות.

(זע גרעץ, ייִדישע געשיכטע. 2-טער באַנד)

<u>דער סוף פון קאַמף.</u>

האדריאַנוס קומט מיט א גרעסערער אַרמיי און טרייבט בר־כוכבאַ'ן צוריק. בר־כוכבא טרעט אָפּ מיט זיינע איבערגעבליבענע סאָלדאַטן און פאַרשליסט זיך אין דער פעסטונג ביתר. הונגער און טויט הערשן אין דער פעסטונג ביתר. ניטאָ קיין איינציקער צווישן די פירער. א שומרוני גיט איבער די רוימער וועגן דעם געהיימען טונעל דורך וועלכן ייִדן קריגן עסנוואַרג און וואַסער. בר־כוכבא הרג'עט דעם אַלטיטשקן אליעזר, מיינענדיק אַז ער האָט פאַרבינדונגען מיט די רוימער.

די רוימער רייסן זיך אַריין אין שטאָט און הרג'ענען אויס פיל ייִדן. בר כוכבא פאַלט טויט. פיל ייִדן ווערן געשמידט אין קייטן און אָפּגעשיקט קיין רוים.

(זע ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע. 2־טער באַנד)

<u>פאַר די און אַנדערע פונקטן זע:</u>

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע. 2־טער באַנד

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). 2־טער באַנד, זייטן 393־421

ייִדישע אגדות בעאַרבעט פון א.א.וו. 2־טער באַנד, זייטן 48־52

<u>לייען מאַטעריאַל פאַר קינדער:</u>

ווייס, „גרייט מען אַוו יזראַעל"

לעווינדזשער, „גרייט דזשוס סינס ביבל טיימס". זייטן 32־36

פון די עשרה הרוגי מלכות *)

(געלעבט אין יאָר 135 נ.צ.)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס היסטאָרישער הינטערגרונט צו דער לעקציע:

דער רוימישער קיסר (האדריאַן) גיט ארויס א באפעל אז די ייִדן זאָלן נים אפהיטן פיל וויכטיקע מנהגים און דינים, ווי למשל נים אָפהיטן שבת און א.וו. ער באפעלט אויך אז מע זאָל באשטראָפן מיט טויט יענע וואָס וועלן לערנען תורה מיט קינדער, אָדער דערוואקסענע. מיט טויט זאָלן אויך באשטראָפט ווערן יענע יונגע מענטשן וואָס וועלן זיך לערנען בא געלערנטע און קריגן פון זיי סמיכה (דיפלאָמעס) אויף רבנות. די גרויסע ייִדישע געלערנטע פון יענער צייט קלייבן זיך צונויף, און די מערסטע פון זיי באשליסן נים אויסצופאָלגן די גרויזאַמע באפעלן. א סך פון זיי ווערן געכאפט פון דעם קעניגס שפּיאָנען און ווערן באשטראָפט מיטן טויט.

ר' עקיבא.

ר' עקיבא הערט נים אויף צו לערנען מיט זיינע תלמידים טראָץ דעם באפעל פון קעניג. אָן מורא לערנט ר' עקיבא מיט זיינע תלמידים אויף די דעכער, כדי זיי זאָלן זיך צוגעוואוינען צום געדאנק אז זיי קאָנען אמאל אומקומען על קידוש השם. פריינט ווילן פועלן בא ר' עקיבאן ער זאָל אויפהערן צו לערנען מיט די תלמידים, אָבער עקיבא ענטפערט זיי מיט א משל, אז ייִדן וועלן אונטערגיין אויב זיי וועלן נים לערנען די תורה. עקיבא ווערט געכאפט און באשטראָפט מיטן טויט. (מיט אייזערנע קאמען רייסט דער תליון פאסן פון ר' עקיבאס לייב.

---

*) פון די עשרה הרוגי מלכות זיינען דאָ פאָרטראָטן דריי: ר' עקיבא, ר' חנינא בן תרדיון און ר' יהודה בן בבא, אלס די מער רעפּרעזענטאטיווע פון די קדושים ווי אויך צוליב די באזונדערע שטריכן וואָס די אגדות ברענגען וועגן זיי ארוים.

די תלמידים שטייען דערביי און וויינען. עקיבא טרייסט זיי און זאָגט אז ער איז צופרידן אפצוגעבן זיין לעבן אוים גלויבן אין גאָט און אוים ליבע צו דער תורה. עקיבא גייט אוים מיט „שמע ישראל” אויף די ליפן).

ר' חנינא בן תרדיון.

ר' חנינא איז געאכטעט פון אלעמען אי מחמת זיין געלערזאמקייט אי מחמת זיין גרויסער ליבע צו מענטשן. ר' חנינא לערנט מיט זיינע תלמידים עפנט־לאך און אָן מורא. דעם קעניג'ס שפיאָנען געפינען אים לערנען און פרעגן אים וואָרום ער פאָלגט נים אוים דעם קעניג'ס באפעל. חנינא ענטפערט אז ער פאָלגט אוים גאָטס באפעל צו לערנען תורה. חנינא ווערט באשטראָפט מיט טויט. (חנינא ווערט איינגעוויקלט אין א ספר תורה און פארברענט. כדי ער זאָל זיך לענגער מאטערן לייגט מען ארויף אויף זיין ברוסט נאסע קנוילן וואָל. אפילו דער תליון קען נים צוזען ר' חנינא'ס יסורים, און פון וויטיק שפרינגט ער אין פייער אריין און ווערט אויך פארברענט).

יהודה בן בבא.

יהודה פון בבא דיינקט אז כדי די תורה זאָל נים אונטערגיין מוז מען ארויסגעבן רבנים (לערער) וועלכע זאָלן זי פארשפרייטן צווישן יידן.

ער פארזאמלט זיינע תלמידים אין א געגנט צווישן צוויי בערג און לערנט מיט זיי ביז זיי ווערן ראוי צו קריגן סמיכה. ער ווערט געכאפט פון רוימישע סאָלדאטן און ווערט געטויטעט.

(דערזעענדיק די רוימישע סאָלדאטן פון וויטן הייסט ר' יהודה זיינע תלמידים אז זיי זאָלן אנטלויפן. אליין בלייבט ער אויפן אָרט, און די סאָלדאטן שטעכן אין אים אריין דריי הונדערט שפיזן.)

פאר די און נאָך אנדערע פונקטן זע:

ש. דובנאָוו. 2־טער טייל

ה. גרעץ (אין ענגליש) 2־טער טייל, זייטן 421־430

יידישע אגדות. 2־טער באנד, זייטן 134־137

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ר' מאיר

(געלעבט אין יאר 140 נ.צ.)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

חורבן הערשט אין ארץ ישראל נאך דעם ניט געלונגענעם אויפשטאנד פון בר־כוכבא. די לאגע ווערט אבער דערטרעגלאכער נאך דעם טוים פון קיסר האדריאן. אין ירושלים טארן די ייִדן ניט וואוינען. גליל איז ניט אזוי וויסט ווי די אנדערע טיילן פון לאנד. אהין קלייבן זיך אריבער פיל ייִדן. ביסלאכווייז הויבן די ייִדן זיך אן צו בארוהיקן. פיל פון די פריער אנטלאפענע ייִדן, און צווישן זיי גרויסע געלערנטע, קערן זיך אום פון בבל און אנדערע לענדער קיין ארץ ישראל. צווישן זיי געפינט זיך ר' עקיבא'ס א תלמיד און א גרויסער געלערנטער, רבי מאיר.

ר' מאיר דער סופר.

ר' מאיר איז אן אויסגעצייכנטער סופר און פון דעם ציט ער זיין פרנסה. פון די דריי דאלאר א וואך פארדינסט, גיט ער איין דאלאר אוים אויף עסן און טרינקען, איינעם אויף קליידן זיך און איינעם אויף שטיצן ארימע תלמידי חכמים. (דער צווייטער טייל פון דער לעגענדע ווערט אויסגעלאזט מחמת זי איז ניט דורכאוים וויכטיק).

(זע ייִדישע אגדות. 2־טער באנד, זייט 171)

ר. מאיר'ס זכרון.

ר' מאיר איז עקיבא'ס בעסטער תלמיד. ער באזוכט א קליין שטעטל אום פורים. די ייִדן אין שטעטל האבן ניט קיין מגלה און זיינען זיך זייער מצער. ר' מאיר שרייבט פאר זיי אויף די מגלה לויטן זכרון ניט מאכנדיק קיין איין גרייז, און בא די ייִדן ווערט א גרויסע שמחה.

(זע, דארט)

ר' מאיר'ס ווייב ברוריה.

ברוריה, די טאכטער פון געלערנטן חנינא בן תרדיון, און פרוי פון ר' מאיר איז אליין אויך געווען א געלערנטע.

ר׳ מאיר זיצט אין בית המדרש און לערנט מיט זײַנע תלמידים און ווײסט ניט אז זײַנע קינדער זײַנען ערשט געשטאָרבן.

ר׳ מאיר קומט אהײם, און ברוריה, ניט וועלענדיק פארשטערן איר מאַן דעם שבת, באהאלט פון אים די שרעקלאכע נײַעס. ערשט נאָך הבדלה בעט ברוריה איר מאן ער זאָל איר זאָגן וואָס עס איז דער דין אין פאל ווען דער בעל הפקדון קומט מאָנען זײַן משכון. און ווען ר׳ מאיר ענטפערט איר, אז ס׳איז זעלבסט-פארשטענדלאך אז דעם משכון מוז מען אומקערן דעם בעל הפקדון, פירט ברוריה אים אריין אין צימער וואו זײַערע טויטע קינדער ליגן.

(זע, דאָרט זײַטן 150-151)

<u>ר׳ מאיר שאפט אלײן אסך פאבלען.</u>

בעת׳ן לערנען מיט די תלמידים באנוצט זיך ר׳ מאיר מיט פאבלען כדי אויפצוקלערן א שווערן ענין. ער שאפט אלײן אסך פאבלען. פון די פאבלען וואָס ער דערצײלט זײַנען די באקאנטסטע: דער פוקס און די ווײַנטרויבן, דער פוקס און דער וואלף. *)

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע. 2-טער באנד

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש) 2-טער באנד, זײַטן 434-440

ייִדישע אגדות בעארבעט פון א.א.ו. 2-טער טײל, זײַטן 141-153

---

*) דאָס מײנט ניט אז ער איז שטענדיק דער באשאפער פון די פאבלען.

יהודה הנשיא

(געלעבט אין יאר 200 נ.צ.)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

דאס לעבן פון די ייִדן אונטער די רוימער אין יענער צייט איז נישט געווען בעסער ווי אין די צייטן פון האדריאן. פארקערט, איניקע גרויזאמע גזרות פון קיסר האדריאנוס זיינען באנייט געווארן. בלויז אויף א קורצע צייט, אונטער מארקוס אויערליוס, ווערט דאס לעבן פון די ייִדן עטוואס גרינגער. דאך ליידן די ייִדן פון די זייער שווערע צינזן, ספעציעל פון דעם אזוי גערופענעם „קרוין־געלט" צינז וועלכער פאלט אזוי שווער אויף די ייִדן, אז ייִדן פון טבריה אנטלויפן פשוט פון שטאט כדי אויסצומיידן דעם צינז. די לאגע ווערט נאך ערגער אונטער דעם קיסר סעפטימוס־סעווערוס. א הונגער ברעכט אויס אין לאנד און ברענגט מיט זיך אויך א מגפה.

איניקע פאקטן פון ר' יהודה הנשיא'ס לעבן.

יהודה, שמעון'ס זון, ווערט נשיא נאך זיין פאטערס טויט.

יהודה לערנט אין דער יוגענט בא גרויסע לערער (שמעון בן יוחאי און אליעזר בן שמוע) און וואקסט אויס א גרויסער למדן. (ס'איז א סברא אז ער איז געווען זייער באפריינדעט מיט'ן קיסר מארקוס אויערליאוס) ער איז אפטמאל זייער שטרענג מיט די תנאים מחמת ער וויל אפהיטן דעם כבוד און אויטאריטעט פון דעם סנהדרין. בא זיין גאנצער שטרענגקייט פארמאגט ער אבער אסך מעלות. אים ווערן עס צוגעשריבן די פאלגנדע מעלות: שיינקייט, כח, עשירות, כבוד, חכמה, אריכות ימים און גוטע קינדער.

ער איז גוטהארציק, האט ליב תלמידי חכמים און שטיצט זיי מיט געלט און האלט אויס אסך בתי מדרשים אויף זיינע אייגענע קאסטן.

ער איז א גוטער פירער, און פארטיידיקט שטענדיק די אינטערעסן פון די ייִדן. יהודה האלט אן זיין אמט אלס נשיא 40 יאר. זיין טויט ווערט באדויערט פון אלע ייִדן. מיט דער הילף פון זיינע געלערנטע חברים שטעלט ער צוזאמען די משנה. ער קריגט דעם נאמען רבינו הקדוש אדער רבי.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

יהודה הנשיא, דאָס קעלבל און די ווײַזעלאך.

אין גאס פירט מען פארבײַ א קעלבל צו דער שחיטה. דאָס קעלבל רײַסט זיך אויס און אנטלויפט. לויפנדיק טרעפט דאָס קעלבל אָן יהודה הנשיא און בעט אים ער זאָל עס ראטעווען פון טויט. יהודה הנשיא זאָגט זיך אָפ. אין הימל איז מען דעריבער גוזר אז יהודה הנשיא זאָל ווערן קראנק און לײַדן יסורים.

א קראנקער ליגט יהודה אין בעט און זעט ווי די דינסט ראמט דאָס הויז און וויל ארויסווארפן די קלײנע ווײַזעלאך. רבי האָט רחמנות אויף די ווײַזעלאך און הײסט דער דינסט זײ איבערלאָזן אין הויז מחמת עס איז גאָטס רחמנות אויף זײ. אין הימל איז מען דעריבער גוזר אז יהודה זאָל צוריק ווערן געזונט.

(זע אגדות א.א.וו. 2־טער באנד, זײַטן 170־171)

יהודה הנשיא דער ברײַטהארציקער מענטש.

א גרויסער הונגער הערשט אין לאנד. עס ברעכט אויס א מגפה. יהודה הנשיא הײסט עפענען זײַנע רײַכע שפײַכלערס און צעטײלן די תבואה צו אלע געלערנטע מענטשן, וועלכע נויטיקן זיך אין הילף. אײנער פון זײַנע תלמידים (יונתן בן עמרם) מאכט אים אויפמערקזאם אז עס איז ניט יושר׳דיק צו שטיצן בלויז געלערנטע און אויסלאָזן אזעלכע וואס קענען ניט לערנען. יהודה הנשיא באגרײַפט זײַן טעות און הײסט אויסטײלן שפײַז צו יעדן נויטבאדערפטיקן, געלערנטן צי ניט געלערנטן.

(זע אגדות. 2־טער באנד, זײַטן 171־172)

א טײַערע מתנה.

אן אָנגעזעענער רוימער, יהודה הנשיא׳ס א פרײַנט, שיקט אים אלס מתנה טײַערע פערל. יהודה נעמט צו די מתנה און שיקט זײַן פרײַנט א מזוזה. יענער ווערט ברוגז און פרעגט יהודה׳ן פארוואס ער האָט אים געשיקט אזא קלײנע זאך וואס קאָסט קוים א פולאַר. יהודה ענטפערט אז קײנע פון זײַנע טײַערסטע זאכן קען זיך ניט פארגלײַכן מיט דער ווערט פון דער מזוזה. די פערל זײַנען פון יענע חפצים וואס זײַער בעל־הבית דארף זײ היטן, בעת א מזוזה דארף מען גאָר ניט היטן נאָר פארקערט, זי היט איר בעל־הבית.

(זע אגדות. 2־טער באנד, זײַט 175)

רבי יהודה הנשיא'ס טויט.

רבי ליגט קראנק אין דער שטאָט צפורי. תלמידים און גרויסע געלערנטע קומען פון פארשידענע שטעט געוואַר ווערן וואס ער מאכט. פיל מענטשן שטייען אין דרויסן און ווארטן מיט אומגעדולד צו דערגיין וואָס רבי מאכט. נאָך דער גסיסה וויל קיינער ניט ארויסגיין צום עולם אנזאגן די טרויעריקע בשורה. דער איינציקער וואָס טוט עס ענדלאך איז רבי'ס געטרייער תלמיד, בר קפּראָ. אלע ברעכן אויס אין א געוויין. די לויה ציט זיך פון צפורי ביז בית שערים; דער וועג איז באַדעקט מיט מענטשן וואָס באוויינען דעם טויט פון יהודה הנשיא.

(זע אגדות. זייטן 175-177)

פאר די און אנדערע פונקטן זע:

ה. גרעץ, "ידישע געשיכטע (אין ענגליש) 2-טער באנד, זייטן 450-478

" " " " (אין יידיש) 2-טער באנד, זייטן 52-59

ש. דובנאָוו, "ידישע געשיכטע. 2-טער באנד, זייטן 130-135

אגדות בעארבעט פון ח.נ. ביאליק און ראוויניצקי. 2-טער באנד, זייטן 165-177

מאטעריאל פאר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואטשמען און די נייט", זייטן 21-28

לעווינדזשער, „גרייט דזשוס סינס בייבל טיימס", זייטן 36-41

בילדערסי, זייטן 26-32

דזש. מיערס, „סטאָרי און די דזשואיש פיפל". 1-טער באנד, זייטן 210-221

אבא אריכא (רב)

(געבוירן ארום דעם יאָר 175
געשטאָרבן ארום יאָר 247)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

זייער פיל ייִדן פארלאָזן ארץ ישראל און וואנדערן אויס קיין בבל. אין יענער צייט (אין דער 2־טער העלפט פון דעם 3־טן יאָרה.) געפינען די ייִדן אין בבל פולע פרייהייט פון אינערלאכער זעלבסטפארוואלטונג. ייִדן באשעפטיקן זיך מיט ערדארבעט, מסחר, פיצוכט, האנטווערקעריי, גראָבן קאנאלן א.א.וו. די צאָל ייִדישע קהלות אין בבל צעוואקסט זיך. איניקע קהלות צעבליִען זיך אויף א גאָר באזונדערן אופן און ווערן מיט דער צייט גייסטיקע צענטערן פון די ייִדן אין בבל. די רייכסטע פון זיי זיינען די קהלות אין סורא, פומבדיתא, מחוזא און נהערדעא. די ישיבה פון יהודה הנשיא אין ארץ ישראל איז אָבער נאָך אלץ די גרעסטע אויטאָראטאטיווע אקאדעמיע. אהין פאָרן די געלערנטע פון בבל צו פארפאָלקאָמען זיך אין ייִדישן וויסן. פון דאָרטן קומען זיי געוויינלאך צוריק קיין בבל, וואו זיי עפענען ישיבות און זיינען אזוי ארום מרביץ תורה בישראל. צווישן די גאָר חשוב׳סטע פון יענע ייִדישע געלערנטע פון בבל זיינען געווען אבא אריכא (רב) און שמואל ירחיני (מר שמואל).

איניקע פאקטן פון אבא אריכא׳ס לעבן.

אבא אריכא האָט אפגעשטאמט פון א פארמעגלאכער ייִדישער משפחה אין בבל. ס׳איז א סברא אז די משפחה האָט איר יחוס געצויגן נאָך פון דוד המלכ׳ס א ברודער. זיין פאָטער איז געווען א געלערנטער און חשוב׳ער ייִד. זיין פעטער, ר׳ חייא, איז געווען איינער פון די גרעסטע געלערנטע אין ארץ ישראל. נאָך אין דער יוגנט האָט אבא אריכא ארויסגעוויזן זייער גרויסע פייאיקייטן אין לער־נען. צוזאמען מיט נאָך איניקע יונגעלייט פון בבל פאָרט אבא אריכא אוועק קיין גליל צו לערנען זיך אין די דאָרטיקע ישיבות. גאָר אינגיכן פארנעמט אבא אריכא דעם אנגעזעענסטן פלאץ צווישן די תלמידים פון ר׳ יהודה הנשיא. נאָך דעם ווי ער קריגט סמיכה פאָרט אבא אריכא צוריק קיין בבל. פריער באזעצט ער זיך אין נהרדעא וואו רב שילא מאכט אים פאר אן אמורא. דערנאָך פאָרט ער אָפ קיין סורא וואו ער גרינדעט די ישיבה אין סורא. אדאנק דעם רב׳ס גרויסע

קאנסטאנטינאָפּל...

קענטענישן ווי אויך זיינע גלענצנדע פייאיקייטן אלס לערער, ווערט די ישיבה
אין סורא שנעל באריםט. יונגע געלערנטע אין די הונדערטער שטראָמען קיין
סורא צו לערנען תורה פון רב'ס מויל. די ישיבה עקזיסטירט מער פון 800
יאָר און גיט ארויס גרויסע ייִדישע לומדים און גייסטיקע מנהיגים. רב איז גע-
ווען באריםט אלס דער ערשטער אמוראי אין בבל. רב איז געשטאָרבן ארום דעם
יאָר 247. זיינע תלמידים האָבן אים באגלייט צו זיין אייביקער רו. אלע ייִדן אין
בבל און אין ארץ ישראל האָבן פיל געטרויערט נאָך דעם טויט פון דעם גרעסטן
אמוראי פון יענער צייט.

רב נעמט זיך פארשפרייטן תורה צווישן פאָלק.

אבא אריכא באנוגט זיך ניט דערמיט וואָס בא אים אין ישיבה לערנען
זיך גרויסע לומדים. ער וויל אויך פארשפרייטן ייִדישן וויסן צווישן אזעלכע
וואָס האָבן ניט די מעגלאכקייט צו באזוכן א ישיבה און ווידמען זיך דעם לער-
נען. מיט'ן צוועק צו פארשפרייטן וויסן צווישן די ברייטערע מאסן פון פאָלק
גרינדעט רב אין סורא א גרויסע ישיבה ארום זיין ישיבה, א מין אקאדעמיע
פארן פאָלק. צוויי מאָל א יאָר, פאר פסח און פאר ראש השנה, פלעגן אין סורא
פארקומען די באריםטע אסיפות פון דער פאָלקס אקאדעמיע באקאנט אונטערן
נאָמען „ירחי דכלה". אויף יענע אסיפות פלעגט מען איבערגיין א מין קיצור
פון דעם וואָס מ'האָט געלערנט אין דער ישיבה דורכן גאנצן זמן. אין דער
לעצטער וואָך פון יעדער אסיפה (שבתא דריגלא - ערב פסח און ערב סוכות)
פלעגן אויך געהאלטן ווערן ליבטע דרשות פארן ברייטן עולם. פיל טויזנטער
ייִדן פון פארשידענע שטעט און דערפער אין בבל פלעגן זיך צונויפפאָרן קיין
סורא צו הערן תורה פון אבא אריכא'ן און זיינע תלמידים. די צאָל פון די
אנגעפאָרענע צוהערער פלעגט זיין אזוי גרויס אז זייער א סך פלעגן מוזן
שלאָפן אינדרויסן, מחמת דעם מאנגל אין דירות. אויך די אסיפות פלעגן פאר-
קומען אונטער דעם פרייען הימל. באזונדערס געשפאנט פלעגן זיין די לעקציעס
פון רב. אין מיטן שיעור פלעגט ער דעם עולם דערציילן מעשות און אגדות
(אין שייכות צום ענין) און אזוי ארום האלטן זיינע צוהערער געשפאנט דורך
דער גאנצער צייט פון זיין לעקציע.

רב האלט אוים תלמידי חכמים.

רב איז געווען זייער רייך. דער ראש גלותא האט אים באשטימט אלס דער אויפזעער פון די מארק פלעצער. גלייכצייטיק האט ער אויך געהאט דעם אויפזיכט איבער ענינים פון מאס און וואג. ער האט אויך פארמאגט אייגענע פעלדער און אפילו אליין אויף זיי אכטונג געגעבן. זייענדיק רייך פלעגט רב אויסהאלטן אסך ארימע תלמידים וועלכע האבן זיך געלערנט אין זיין ישיבה.

רב'ס מיינונג וועגן ערד ארבעט.

כאטש רב האט אויך געפירט מסחר, פונדעסטוועגן האט ער בעסער ליב געהאט ערד ארבעט און געהאלטן ערד ארבעט העכער פון מסחר. איינעם פון זיינע זין האט ער אמאל אזוי געזאגט: „בעסער א שטיקל ערד, איידער א גרויסער שפייכלער סחורה" (כבא מארעא ולא כורא מאגרא).

רב, א געדולדיקער מענטש און אן עניו.

רב איז געווען זייער א געדולדיקער מענטש. ער פלעגט געדולדיק אריבערטראגן זיין פרוי כאטש זי פלעגט זייער אפט זיך שטעלן אים אנטקעגן. האט אימיצער אים ווען באליידיקט פלעגט ער יענעם מוחל זיין. און האט ער אמאל אימיצן באליידיקט פלעגט ער גיין צו יענעם בעטן מחילה. איינמאל האט ער זיך דערמאנט אז ער האט באליידיקט א פשוט'ן מענטשן. לאנג ניט געטראכט איז ער גלייך געלאפן זוכן יענעם מאן און ווען ער האט אים אפגעזוכט האט ער בא אים געבעטן מחילה.

פאר די און אנדערע פונקטן זע:

ה. גרעץ, "יידישע געשיכטע (אין ענגליש). באנד 3, זייטן 503-531


"יידישע ענציקלאפעדיע (ענגליש. ב-טער באנד, זייטן 29-30

אייזיק הירש ווייס, דור דור ודורשיו. ספר 3, זייטן 161-176

באמערקונג:

רב איז געווען זייער הויך געוואקסן און ס'איז א סברא אז פון דעם שטאמט אפ זיין צונאמען אריכא. אן אנדערע מיינונג: אז אריכא איז געווען אזא טיטול וועלכן מ'האט אים צוגעטיילט מחמת זיין רייבן וויסן.

זע: דזשאסטראוו - „דיקט." ענגליש.



מר שמואל

ר׳ | געבוירן ארום דעם יאָר 165;
געשטאָרבן ארום דעם יאָר 257)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

זע היסטאָרישער הינטערגרונט צו דער לעקציע פון אבא אריכא.

איניקע פאקטן פון מר שמואל׳ס לעבן.

שמואל בן אבא, אָדער, ווי מ׳האָט אים גערופן, מר שמואל, איז געבוירן געוואָרן אין נהרדעא, בבל, און האָט אפגעשטאמט פון א משפחה פון כהנים. זיין פאָטער ר׳ אבא האָט געפירט מסחר מיט זיידנס. באַטש ר׳ אבא איז אליין געווען א געלערנטער, דאָך האָט אים זיין זון, שמואל, שפעטער אריבערגעשטיגן אין וויסן אזוי אז מ׳האָט שפעטער דעם פאָטער גערופן אויף זיין זונ׳ס נאָמען: אבא דשמואל. נאָך אלס קינד האָט שמואל ארויסגעוויזן גרויסע פייאיקייטן און שנעל אריבערגעיאָגט זיין רבי׳ן, מיט וועמען ער האָט אָפט געהאַט צו אַרגומענטירן און אפילו ניט מסכים צו זיין אין געוויסע ענינים פון הלכה.

דער טאַטע אנערקענט די פייאיקייטן פון זיין קינד און נעמט זיך אליין לערנען מיט זיין זון. שפעטער שיקט ער אים אוועק אין א צווייטער שטאָט צו א גרויסן רבי׳ן. אבער אויך יענעם רבי׳ן שטייגט שמואל גיך אריבער, און קומט צוריק קיין נהרדעא. אינגיכן פאָרט ער אָפ קיין ארץ ישראל אין דער ישיבה פון ר׳ יהודה הנשיא. דאָרט אין דער ישיבה האָט ער זיך זייער אויסגעצייכנט און דאָך האָט ער קיין סמיכה מיט דעם טיטול „רבי" ניט געקראָגן. ער פאָרט דאן צוריק קיין נהרדעא און לערנט צוזאַמען מיט רב שילא. נאָכ׳ן טויט פון ר׳ שילא ווערט שמואל דער אָנפירער פון דער ישיבה אין נהרדעא. באַטש שמואל האָט זיין חבר, אבא אריכא, געהאַלטן העכער פון זיך, פונדעסטוועגן איז ער אין איניקע זאכן געווען מער בעה׳ביינ׳ט.

מר שמואל האָט שטודירט מעדיצין, פראקטיצירט אנאטאמיע און געוואוסט פון אסך רפואות. ער האָט אפילו דערפונדן א ספעציעלע זאלב צו אויגנקראנק־ייטן, און די זאלב איז געוואָרן זייער פאָפולער.

מר שמואל האָט אויך שטודירט אסטראָנאָמיע און איז אזוי גוט באקאנט

געווען מיט דעם גאנג פון די שטערן און פלאנעטן אז ער האט אויף זיך אמאל אליין געזאגט: „די וועגן פון הימל זיינען מיר פונקט אזוי גוט באקאנט ווי די וועגן (גאסן) פון נהרדעא". ער האט אויך צונויפגעשטעלט א לוח וועלכן ער האט צוגעשיקט צו ר׳ יוחנן בן נפחא. נאך רבי׳ס טויט איז מר שמואל געווארן דער גרעסטער פירענדער כח אין דעם באבילאנישן יידנטום.

ער האט אנגעשריבן פיל דערקלערונגען און געהאלפן שאפן נייע און זייער וויכטיקע דינים, וועלכע האבן זייער פיל געדינט די יידן אסך הונדערטער יארן שפעטער. איינער פון די וויכטיקסטע (דינא דמלכותא דינא) האט מחייב געווען די יידן אפצוהיטן די געזעצן פון יענע לענדער, אין וועלכע זיי האבן געלעבט. מר שמואל׳ס טויט איז באווייינט געווארן פון אלע יידן.

מר שמואל אלס געלערנטער.

מר שמואל איז גרייט געווען צו לערנען בא יעדן איינעם און איז שטענדיג פארבליבן דאנקבאר יעדן איינעם בא וועמען ער האט נאר עפעס געלערנט. מר שמואל איז קיינמאל נים באשטאנען אויף דעם אז זיין מיינונג איז די ריכטיקסטע און די בעסטע, נאר שטענדיק גרייט געווען אויסצוהערן און אנצונעמען א מיינונג וואס אימיצער אנדערש האט ארויסגעזאגט. פלעגט ער נאר אויסגעפינען אז ער האט געמאכט א טעות, איז ער שטענדיק גרייט געווען דאס צוצוגעבן.

אלע זיינען גלייך.

מר שמואל איז געווען פריינדלאך צו אלעמען. מען טאר ניט אפנארן קיינעם, ניט קיין יידן און ניט קיין געצנדינער, האט שמואל געלערנט. פאר גאט זיינען אלע גלייך, ייד צי געצנדינער. שמואל האט אויך געהאלטן אז א האר דארף זיך באגיין פריינדלאך מיט זיין שקלאף און טאר אים ניט שלאגן אדער באליידיקן.

שמואל און זיין שקלאפין.

ביי שמואל׳ן איז פארפאלן געווארן זיינע א שקלאפין. אין א צייט ארום דערוויסט זיך שמואל אז זיין שקלאפין האט זיך אפגעזוכט און מע פאדערט פאר איר אויסקויף־געלט. מר שמואל האט גלייך זי אויסגעקויפט און דערנאך זי

באפרײַט. װען מ׳האָט אים געפרעגט פאַרװאָס ער האָט זי באַפרײַט האָט ער געענט-פערט: אין מײַן מחשבה האָב איך זיך דאָך שױן לאַנג אָפּגעזאָגט פון דעם אַז איך װעל זי װען עס איז צוריקקריגן, און דערפאַר אַלײַן איז זי שױן פרײַ, האָב איך זי דעריבער באַפרײַט.

פאַר די און אַנדערע פּונקטן זע:

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). באַנד 3, זײַטן 503-531

ייִדישע ענציקלאָפּעדיע (אין ענגליש)

אײַזיק הירש װײס, דור דור ודורשיו. ספר 3, זײַטן 161-176

מ. מאַרגאָלים און א. מאַרקס, א געשיכטע פון דעם ייִדישן פאָלק (אין ענגליש), זײַטן 204-240

באַמערקונג:

מר שמואל האָט געהאַט עטלאַכע צונעמען. אײניקע פון זײ זײַנען: „אריוך", „שבור מלכא" און „ירחינאי". דער לעצטער צונאָמען איז אים גע-געבן געװאָרן מחמת זײַן אינטערעס אין אַסטראָנאָמיע.

יוחנן בן נפחא

געבוירן (?)
געשטאָרבן אין יאָר 279.

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

דער נשיא פון סנהדרין אין יענער צייט איז יהודה נשיאה, יהודה הנשיאס אייניקל. דער סנהדרין ציט זיך דאן אריבער פון צפורי קיין טבריה, ביים ברעג פון ים כנרת. טבריה ווערט דער גייסטיקער צענטער פון ארץ ישראל. יוחנן בן נפחא גרינדעט דאָ א ישיבה, וועלכע אנטוויקלט זיך זייער גיך און ציט צו זיך צו געלערנטע פון ארץ ישראל און בבל. די געלערנטע פון דער ישיבה פארנעמען זיך מיט פאָרשן די דינים פון דער משנה. פאָרשנדיק די דינים פון דער משנה אנאליזירן יענע געלערנטע די מיינונגען פון די פריערדיקע תנאים און באשטימען וועלכע פון די ארויסגעזאָגטע מיינונגען זאָל בלייבן אלס הלכה.

(זע אויך היסטאָרישן הינטערגרונט צו דער לעקציע פון ר' יהודה הנשיא.)

אייניקע פאקטן פון ר' יוחנן בן נפחאס לעבן.

ר' יוחנן האָט זיך דערצויגן בא זיין זיידן אין דער שטאָט צפורי. זיין פאָטער איז אים געשטאָרבן א קורצע צייט איידער ער איז געבוירן געוואָרן, און זיין מוטער איז געשטאָרבן גלייך נאָך זיין געבורט. פריער האָט ער זיך געלערנט בא זיין זיידן און שפעטער בא אנדערע לערער (ר' חנינא און ר' הושעיה). שפעטער פאָרט ער אריבער קיין טבריה, וואו ער לערנט זיך אין דער ישיבה פון ר' יהודה הנשיא. נאָך אין זיין פריסטער יוגנט ווייזט ר' יוחנן ארויס גרויסע פעאיקייטן און איבערראַשט אפט זיינע לערער מיט זיין טיפן באנעמען פון די שווערסטע דינים. קומענדיק קיין טבריה ווערט ער שנעל באַרימט אלס פראָגרעסיווער דענקער און געזעצגעבער. ער שטודירט גריכיש און אויך מעדיצין. זיין דורשט נאָך וויסן איז געווען אזוי גרויס, אז אלצדינג וואָס איז אים פארבליבן בירושה האָט ער ביסלאכווייז אויספארקויפט כדי ער

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

זאָל קענען לערנען ניט געשטערט. ווען דאָס געלט איז אים אויסגעגאַנגען איז ער אוועק אויף א צײַט ארבעטן און שפּעטער זיך ווידער אומגעקערט אין דער ישיבה לערנען. שפּעטער האָט פאר אים דער נשיא באשטימט א ספּעציעלע פּענסיע, און פון דעם האָט ער געלעבט. אויסערדעם וואָס ר׳ יוחנן איז געווען א הויך־געבילדעטער מענטש איז ער אויך געווען א ליבער מענטש און פאַרמאָגט פיל ליבע און פאַרשטענדעניש פאר זײַנע מיטמענטשן. הויך און שײַן געוואַקסן האָט ר׳ יוחנן אויך פאַרמאָגט א זעלטענעם הדרת־פּנים. האָבנדיק אלײַן שטודירט גריכיש, האָט ער אויך געהאלטן אז ייִדן (סײַ מענער סײַ פרויען) מעגן לערנען די גריכישע שפּראַך.

ר׳ יוחננ׳ס דורשט צום לערנען.

ר׳ יוחנן גײט אמאָל אין וועג באגלײט פון אײנעם פון זײַנע תלמידים. גײען זײ פאַרבײ א פעלד. „דו זעסט אָט דאָס פעלד", רופט זיך אָפּ ר׳ יוחנן צו זײַן תלמיד. „ס׳איז אמאָל געווען מײַנס". שפּעטער גײען זײ פאַרבײ א ווײַנ־גאָרטן. „דו זעסט אָט דעם ווײַנגאָרטן", זאָגט ווידער ר׳ יוחנן, „ער האָט אויך אמאָל באלאנגט צו מיר". נאָך שפּעטער קומען זײ אָן צו א גאָרטן פון אײַלבירט־בײמער. „און אָט דער גאָרטן איז אויך אמאָל מײַנער געווען", זאָגט ר׳ יוחנן צו זײַן תלמיד. „איך האָב דאָס אלעס אויספאַרקױפט מחמת איך האָב זיך געוואָלט לערנען". דער תלמיד וואונדערט זיך וואָס ר׳ יוחנן האָט זיך גאָרניט איבערגע־לאָזט כדי כאָטש עפּעס וואָס צו האָבן אויף דער עלטער. ר׳ יוחנן ענטפערט אים אָבער אָפּ אז ער איז זײער צופרידן וואָס ער האָט אזוי געטאָן, ווײַל ער האָט אויסגעביטן זאַכן וועלכע גאָט האָט באשאַפן בלויז אין זעקס טעג אויף אזא ווערטפולע זאַך וואָס האָט אפילו גאָט אלײַן גענומען 40 טעג זי צו באשאַפן (די תורה).

ר׳ חנינא — ר׳ יוחננ׳ס לערער.

ר׳ חנינא, אן אמאָליקער לערער פון ר׳ יוחנן בן נפחא, שטײט אין גאַס און זײ[illegible] ווי אסך מענטשן אײַלן זיך אין בית המדרש ארײַן. ר׳ חנינא שטעלט אָפּ אײנעם פון די פאַרבײַגײער און פרעגט אים פאַרוואָס די מענטשן אײַלן

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

זיך אזוי. דער פארבײגײער ענטפערט אז הײנט װעט דעם שיעור זאָגן ר׳ יוחנן בן נפחא. דערהערענדיק דאָס הויבט ר׳ חנינא אויף די הענט צו גאָט און דאנקט אים דערפאר װאָס ער האָט דערלעבט צו זען די פרוכט פון זײן אײגענער ארבעט.

ר׳ יוחנן גיט אָפּ כבוד זײַן אמאָליקן לערער.

בעת ר׳ יוחנן האָט נאָך געלעבט אין צפורי האָט ער אויך געלערנט אונטער ר׳ הושעיה׳ן (אושעיה׳ן). אינגיכן האָט דער תלמיד אריבערגעשטיגן דעם רבי׳ן. ס׳איז אויך געקומען דערצו אז אין א געװיסער פראגע פון הלכה האָט ר׳ יוחנן ניט מסכים געװען מיט זײן רבי׳ן. ער האָט דערנאָך פארלאזן צפורי און איז אװעקגעפאָרן קײן טבריה. דאָך פלעגט ער זײער אָפט באזוכן זײן אמאָליקן רבי׳ן. דרײַצן יאָר דורכאנאנד פלעגט ער דעם רבי׳ן אפשטאטן אזעלכע װיזיטן. װען מע האָט אמאָל ר׳ יוחנן׳ען געפרעגט פארװאָס ער טוט עס האָט ער געענטפערט: „דער װאָס גיט אָפּ כבוד זײן לערער איז געגליכן צו אײנעם װאָס באדינט די שכינה.”

אלע מענטשן זײנען גלײַכע.

ר׳ יוחנן פלעגט זיך באגײן זײער חבר׳ש מיט זײנע באדינער. װען מ׳האָט אים געפרעגט פארװאָס ער טוט אזוי האָט ר׳ יוחנן געענטפערט: „האָט דען גאָט, װאָס האָט מיך באשאפן, אויך אים ניט באשאפן?”

אלײן אומגליקלאך דאָך טרײסט ער אנדערע.

ר׳ יוחנן איז געװען אומגליקלאך אין זײן לעבן. ער האָט געהאט צען זין און אײן טאָכטער. אלע זין זײנען אויסגעשטאָרבן. ר׳ יוחנן פלעגט מיט זיך ארומטראָגן א בײנדל פון זײן יונגסטן זונ׳ס מינדסטן פינגער. האָט ער װען געטראָפן אימיצן טרויערן פלעגט ער יענעם גלײך באװײזן דאָס בײנדל און זאָגן: „דאָס איז א בײנדל פון דעם קערפער פון מײן צענטן זון”. דער אבל פלעגט דאַן אויפהערן טרויערן.

ר׳ יוחנן בן נפחא און ריש לקיש.

זײן שװעסטער האָט ר׳ יוחנן חתונה געמאכט פאר זײנעם א שול־חבר

ריש־לקיש. ביידע, ר' יוחנן און ריש לקיש, זיינען געווען יוגנט חברים און גרויסע געלערנטע. באם לערנען פלעגן זיי אפט ניט שטימען און ר' יוחנן האט טאקע ריש־לקיש'ן אנגערופן שכנגד. דאך האבן זיי זיך זייער ליב געהאט. ווען ריש לקיש איז קראנק געווארן און געשטארבן האט ר' יוחנן נאך אים לאנג געטרויערט און ביטער געוויינט: „בר לקיש, וואו ביסטו, בר לקיש". די לעצטע יארן איז ר' יוחנן פאר ווייטיק געווארן מעלאנכאליש און דריי און א האלב יאר נים געלעתט אין דער ישיבה. ווי עס ווייזט אבער אוים איז ער שפעטער געזונט געווארן און ווידער פארגעזעצט דאס לערנען מיט זיינע תלמידים.

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, יידישע געשיכטע (אין ענגליש). 2־טער באנד, זייטן 490־502

ש. דובנאוו, יידישע געשיכטע. 2־טער באנד, זייטן 136 - 138

יידישע ענציקלאפעדיע. 7־טער באנד, זייטן 211־213

אייזיק הירש ווייס, דור דור ודורשיו. ספר שלישי, זייטן 65־92,
הוצאת פלאט, ניו־יארק, - בערלין, תרפ"ד

ריש לקיש

געבוירן אין יאר 200
געשטארבן אין יאר 275

היסטארישער הינטערגרונט:

זע היסטארישער הינטערגרונט צו דער לעקציע פון ר' יוחנן בן נפחא.

איניקע פאקטן פון ריש־לקיש'עס לעבן.

ס'איז אנגענומען אז ריש־לקיש (ר' שמעון בן לקיש) איז געבוירן געווארן אין באסטרא אין יאר 200. עס ווערט אויך אנגעגעבן אז אין דער יוגנט האט ער געלערנט אין צפורי און שפעטער בא ר' יהודה הנשיא. ער פלעגט זיך שעצן גליקלאך דערמיט וואס ער האט אויך זוכה געווען צו קענען ר' יהודה הנשיא. פונקט ווי ר' יוחנן האט אויך ריש־לקיש אמאל געלערנט בא ר' הושעיה'ן (אושעיה), און אזוי ווי ר' יוחנן אזוי האט אויך ריש לקיש אמאל פארנומען דעמזעלבן בכבוד'יקן פלאץ אין דער ישיבה אין צפורי. ער האט ליב געהאט דעם אמת און קיינמאל נים מורא געהאט ארויסצוזאגן דעם אמת. ער פלעגט אויסמיידן מענטשן וועלכע זיינען נים געווען ערלאך. יענע אבער וועלכע האבן זוכה געווען צו ווערן זיינע פריינט איז ער דערפאר גרייט געווען צו העלפן אפילו אין אנזיכט פון גרויסער סכנה.

ריש לקיש — א גרויסער מתמיד.

ריש לקיש איז געווען א גרויסער מתמיד. אין זיין יוגנט פלעגט ער פערציק מאל איבערלערנען יעדן טייל פון דער משנה. שפעטער פלעגט ער זיינע תלמידים ווארנען: אויב דו וועסט פארלאזן די תורה בלויז אויף איין טאג, וועט זי דערפאר דיך פארלאזן אויף צוויי טעג."

ריש לקיש און דאס תורה לערנען.

"די וועלט", האט ריש לקיש אמאל געזאגט, "האלט זיך אין דעם זכות פון דעם אטעם פון די שול קינדער; זייער לערנען תורה טאר אונטער קיינע אומשטענדן נים ווערן איבערגעריסן."

ריש לקיש — א גלאדיאטאר אין א צירק.

ריש לקיש איז געווען הויך געבויט און פארמאגט אסך גבורה. ער

פלעגט אויך ליב האָבן צו ליגן אויף דער האַרטער ערד. ווען מען פלעגט אים פרעגן פאַרוואָס ער בעט זיך גאָרנישט אונטער, פלעגט ער ענטפערן: מײַן פעטס איז מײַן קושן. ער איז געווען זײער אָרים און אויס נויט האָט ער אַוועקגע־וואָרפן דאָס לערנען און זיך פאַרדונגען אין א צירק אלס גלאַדיאַטאָר, וואו ער האָט געדאַרפט קעמפן מיט ווילדע צערײַסנדע חיות. זײַן חבר, ר׳ יוחנן בן נפחא, האָט זיך פון דעם דערוואוסט און האָט אים אַרויסגענומען פון צירק; ריש לקיש האָט חתונה געהאַט פאַר ר׳ יוחננ׳ס שוועסטער און ווײַטער פאָרטגעזעצט דאָס לער־נען. ער האָט זיך אָבער קײנמאָל ניט געשעמט מיט דעם וואָס ער האָט אַמאָל גע־דינט אין צירק.

ריש לקיש׳ס טויט.

ריש לקיש איז געווען א גאָר גרויסער געלערנטער און האָט פאַרנומען דעם זעלבן בכבודיקן פּלאַץ ווי ר׳ יוחנן. בײדע האָבן געמאַכט הוספות צו דער משנה און אזוי אַרום געלײגט דעם פונדאַמענט פון דער גמרא. זײ פלעגן אָבער אָפט דעבאַטירן איבער געוויסע פראַגן און זעלטן אײַנשטימען.

אײנמאָל, בעת א דעבאַטע איבער א געוויסער פראַגע האָט ר׳ יוחנן זײער שאַרף אַנגעגרירט ריש־לקיש׳ן. ריש לקיש האָט ר׳ יוחננ׳ס באַמערקונג זיך זײער גענומען צום האַרצן, און פון גרויס ערגערניש איז ער קראַנק געוואָרן און געשטאָרבן. ר׳ יוחנן האָט שפּעטער חרטה געקראָגן און ביטער באַווײנט זײַן באַ־ליבטן חבר.

פאַר די און אנדערע פונקטן זע:

ה. גרעץ, ײדישע געשיכטע (אין ענגליש). 2־טער באַנד, זײַטן 490־502

ש. דובנאָוו, ײדישע געשיכטע. 2־טער באַנד, זײַטן 136 – 138

ײדישע ענציקלאָפּעדיע. 2־טער באַנד

אײַזיק הירש ווײס, דור דור ודורשיו. ספר שלישי, זײַטן 65־92.

רב אשי

געבוירן ארום דעם יאר 352,
געשטארבן ארום דעם יאר 427.

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די אלגעמיינע לאגע פון די ייִדן אין בבל ענדערט זיך (איבערהויפט אין די צייטן פון קעניג אל-האטים) צום בעסערן. די ייִדישע קהלות קומען צו זיך, און גלייכצייטיק ווערן ווידער אויפגעלעבט די ישיבות אין פומבדיתא, נהרדעא, מחוזא און סורא. באזונדערס צייכנט זיך אוים די ישיבה אין סורא, וועלכע האט זיך ווידער צעבליט און צוריקגעקראגן איר אמאליקן גלאנץ דורך דער צייט ווען רב אשי איז געווען איר פירער. דאס לעבן פון די ייִדן אין ארץ ישראל ווערט וואס א יאר ערגער. די ישיבות אין ארץ ישראל ווערן אלץ שוואכער און מוזן אנקומען נאך שטיצע צו די ייִדן פון בבל. די ישיבה אין סורא ווערט אין יענער צייט דער צענטער פון ייִדישער געלערזאמקייט.

אייניקע פונקטן פון רב אשי׳ס לעבן:

רב אשי איז געבוירן געווארן אין סורא ארום דעם יאר 352. זיין פאטער, א געלערנטער מענטש און א רייכער סוחר דערצו, האט אים געגעבן א גוטע דערציאונג. רב אשי האט זיך געלערנט בא אסך גרויסע ייִדישע געלערנטע וועלכע זיינען געווען פארבונדן מיט די ישיבות פון סורא און פומבדיתא. צוליב זיינע גרויסע קענטענישן, ווי אויך פייאיקייטן, ווערט רב אשי דער אנפירער פון דער סורא׳ר ישיבה ווען ער איז קוים 20 יאר אלט. צוויי-און-פופציק יאר איז רב אשי געווען דער פירער פון דער ישיבה אין סורא, און אים האט די ישיבה צו פארדאנקען אין א גאר גרויסער מאס, דאס וואס זי איז צוריק אויפגעריכט געווארן אלס דער צענטער פון ייִדישן וויסן אין בבל. ייִדישע לומדים אין די הונדערטער שטראמען קיין סורא און באזעצן זיך דארט. די גרעסטע ייִדישע געלערנטע האבן פאר רב אשי׳ן דרך ארץ און געבן אים אפ גרויס כבוד. דאס פאלק רופט אים רבנא אדער רבנו - אונדזער רבי. רב אשי זעט אויך אז די גרויסע פאלקס פארזאמלונגען, וועלכע פלעגן פריער פארקומען אין נהרדעא און דערנאך אין

פומבדיתא, זאָלן אפגעהאלטן ווערן אין סורא. אדאנק יענע פאַלקס פארזאמלונגען קריגט סורא א באזונדערע חשיבות און ווערט אין א געוויסן זין דער צענטער פון יידישן לעבן אין בבל.

רב אשי הויבט אָן צונויפשטעלן די גמרא בבלית.

רב אשי, דער גרעסטער אמוראי אין בבל, מאכט דעם אָנהויב פון זײַן גרויסער און וויכטיקער ארבעט - דעם תלמוד בבלי. ער הויבט אָן צונויפזאמלען אלע דערקלערונגען אויף דער משנה, וועלכע האָבן זיך אויסגעארבעט אין די ישיבות פון בבל דורך דער גאנצער צייט פון דעם גרויסן אבא אריכא ביז ר׳ אשי׳ס טעג. יענע ניט פארשריבענע אָבער אויפגעהיטע בעל פה הלכות און מסורות צוזאמען מיט דעם אגדה׳שן מאטעריאל אין שייכות מיט דעם אָדער אנדערן ענין נעמט זיך רב אשי אויפצושרייבן, כדי זיי זאָלן אויפגעהיט ווערן פאר די קומענדע דורות. דרייסיק יאָר ווידמעט ער זיך אָט דער וויכטיקער ארבעט. ניט אים אָבער איז עס באשערט געווען די ארבעט צו פארענדיקן. ערשט מיט א פאָר דורות שפעטער ווערט יענע ארבעט פארענדיקט פון די לעצטע אמוראים אונטער דער השגחה פון דעם גרויסן רבינא.

די יידן האָבן רב אשי׳ן געשטעלט אין איין שורה מיט יהודה הנשיא׳ן.

רב אשי בויט איבער די ישיבה אין סורא.

אויסער דעם װאָס רב אשי איז געווען א גרויסער געלערנטער און פירער פון דער ישיבה, האָט ער זיך אויך פארנומען מיט מסחר. ער האָט געהאנדלט מיט וועלדער און איז געווען זייער א רייכער מאן.

די ישיבה אין סורא איז שוין דאן אלט געווען א פאָר הונדערט יאָר, און רב אשי באשליסט איבערצובויען די געביידע. ער נעמט זיך פאר דער ארבעט מיט גרויס חשק און ליבע און ווידמעט דער זאך אסך געלט, ענערגיע און צייט. איינ-מאָל באשליסט ער אליין אכטונג צו געבן אויף דער ארבעט. ער לאָזט אריבערטראָגן זײַן בעט אין איינע פון די צימערן פון דער געביידע און וואכט איבער דער ארבעט טעג און נעכט ביז די געביידע ווערט ענדלאך אויפגעבויט.

רב אשי און דער פאלשער משיח.

אין רב אשי׳ס צייטן האָט זיך אין די יידישע קהלות אין בבל פארשפרייט א

קלאנג אז משיח האט זיך באוויזן אין קרעט. יענער פאלשער משיח האט געלאזט אנזאגן די ייִדן אז אין א באשטימטן טאג וועט ער זיי אריבערפירן אויף די טריקעניש פון ים, פונקט ווי משה רבנו האט עס באוויזן מיט די יוצאי מצרים, און וועט זיי פירן קיין ארץ ישראל.

פיל ייִדן האבן אנגעהויבן גלויבן אין דעם פאלשן משיח. זיי האבן פאר־קויפט זייערע הייזער און קראמען און מיט אומגעדולד געווארט אויף יענעם וואונדערליכן טאג. אומזיסט האט רב אשי געווארנט די ייִדן פון קרעט קעגן דעם פאלשן משיח, דאס פאלק האט אים ניט געוואלט הערן.

אין דעם באשטימטן טאג האט דער פאלשער משיח, צוזאמען מיט הונדער־טער ייִדן, מענער, פרויען און קינדער, זיך געלאזט גיין צום ים. אויף זיין באפעל האבן די ייִדן זיך געווארפן אין ים אריין, און דא האט עס געדארפט גע־שען דער וואונדער, ד.ה. דער ים האט זיך געדארפט שפאלטן אזוי אז די ייִדן זאלן אים קענען דורכגיין. פילע פון יענע פארפירטע ייִדן צוזאמען מיט זייער פאלשן משיח זיינען דערטרונקען געווארן אין די טיפעניש פון ים, און בלויז א צאל זיינען געראטעוועט געווארן פון טויט.

<u>פאר די און נאך אנדערע פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). 2־טער באנד, זייטן 604־612

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ייִדיש). 2־טער באנד, זייטן 88־96

ייִדישע ענציקלאפעדיע (ענגליש). 2־טער באנד, זייטן 187־189

דור דור ודורשיו ספר ג, זייטן 208־216

בוסתנאי

(געלעבט ארום דעם יאר 660 נ.צ.)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס היסטארישער הינטערגרונט:

דער אראבישער קאליף אלי נעמט איין די לענדער פערסיע און בבל. די לאגע פון די יידן וואס לעבן אין פערסיע און אין בבל ווערט בעסער. די יידן קריגן פולע פרייהייט, האבן דאס רעכט אויסצוקלייבן א פירער, א נשיא. בוסתנאי ווערט דער פירער פון די יידן אין ביידע לענדער. בוסתנאי פירט א רייך לעבן. דער קעניג דערלויבט אים איינצומאנען שטייערן בא די יידישע קהילות. בוסתנאי שטאמט אפ פון דוד המלך. (דער לערער קען אויך איבערגעבן אין קורצע שטריכן וועגן דער אימפאזאנטער פראצעסיע פון קרוינען דעם עקזילארך)

די לעגענדע וועגן בוסתנאיס געבורט.

א באפעל גייט ארויס פון דעם לעצטן פערסישן קעניג אויסצוהרג'ענען די גאנצע משפחה פון די יידישע עקזילארכן אין בבל. די פרוי פון דעם יידישן עקזילארך חנניה איז די איינציקע וואס ראטעוועט זיך פון טוים. זי שוואנגערט און דארף אינגיכן געבוירן א קינד.

דעם קעניג חלומ'ט זיך אז ער האקט אויס אלע ביימער פון א סאד (באסטאן). בעת דער קעניג האלט אין אויסהאקן דעם לעצטן בוים פון סאד, באווייזט זיך אן אלטער מאן און דערלאנגט אים מיט דער האק אין פנים אריין און דער קעניג באגיסט זיך מיט בלוט. דער קעניג בעט באם זקן רחמנות און זאגט אים צו, אז ער וועט דעם בוים ניט אויסהאקן. א יידישער חכם איז דעם קעניג פותר חלום, אז דער גארטן איז דוד המלכ'ס שטאם, און אז דער לעצטער בוים אין גארטן איז דאס קינד וואס דארף געבוירן ווערן בא חנניה'ס פרוי, די אלמנה. דער קעניג באפעלט אויסזוכן די אלמנה און אכטונג געבן אויף איר. בא איר ווערט געבוירן א זון, און דער קעניג גיט אים א נאמען בוסתנאי. בוסתנאי וואקסט אויס א גרויסער למדן.

בוסתנאי ווערט נשיא.

דער קעניג איז זייער באגייסטערט פון דעם קלוגן זעבצניאָריקן בוסתנאי און לאדט אים איין צו זיך אין פאלאץ אריין. אין גאָרטן פירט דער קעניג מיט'ן אינגל א געשפרעך. א פליג (וועספע) שטעלט זיך אוועק בוסתנאי'ן אויפ'ן פנים און גיט אים א ביס אין שלייף. בוסתנאי שטייט אָבער רוהיק די גאנצע צייט און הויבט אפילו ניט אויף די האנט כדי אוועקצוטרייבן די פליג. אויף דעם קעניג'ס פארוואונדערונג ענטפערט בוסתנאי אז אלס קינד פון דוד המלכ'ס שטאם פאָלגט ער נאָך די טראדיציע פון דוד המלכ'ס הויז ניט אויפצוהויבן קיין האנט אָדער מאכן א וועלכע ניט איז אנדער באוועגונג שטייענדיק פאר א קעניג. דער ענטפער נעמט זייער אויס באם קעניג. שפעטער באשטימט אים דער קעניג פאר דעם עקזילארך בא די יידן.

פאר די און נאָך פונקטן זע:

ש. דובנאָוו, יידישע געשיכטע. 2-טער באנד

ה. גרעץ, יידישע געשיכטע (אין ענגליש) 3-טער באנד, זייטן 86-91

יידישע ענציקלאפעדיע (אין ענגליש). זע באסטאנאי. 3-טער באנד, זייטן 330-331

ר' סעדיה גאון (892-942)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט:

די לאגע פון די ייִדן אין בבל האט זיך אין יענער צייט געביטן צום ערגערן. די רעכט פון די ייִדן ווערן באגרעניצט. די רעגירונג נעמט צו פיל ייִדישע שולן און פארוואנדלט זיי אין מעטשעטן. ייִדן ווערן געצוואונגען צו טראָגן געלע מאנטלען. די מאכט פון דער ריש גלותא פאלט. די ייִדן דארפן צאָלן דער רעגירונג זייער הויכע צינזן. פון די צוויי גרויסע ישיבות וועלכע האָבן גע־שפּילט א גרויסע ראָלע אין דעם ייִדישן לעבן אין בבל איז בלויז פומבדיתא נאָך אלץ שטארק. די ישיבה אין סורא ווערט אלץ שוואכער. אויב די ישיבה אין סורא באקומט צוריק איר פריערדיקן גלאנץ, האָט זי עס צו פארדאנקען אין גאַר א גרויסער מאָס דעם גאון ר' סעדיה.

איניקע פונקטן פון ר' סעדיה'ס לעבן.

ר' סעדיה איז געבוירן געוואָרן אין דילאז לעבן פייאום, מצרים. יונ־גערהייט ווייזט ר' סעדיה ארויס גלענצענדע פייאיקייטן צו שפראכן. ער שטודירט תנ"ך און תלמוד און ווערט איינגיכן באקאנט אלס גלענצענדער קענער פון ייִדיש דין. אויסער ייִדישן וויסן שטודירט דער יונגער חכם אויך וועלטלאכע לימודים. ער לערנט אראביש און אראבישע ליטעראטור אונטער דעם גרויסן אראבישן גע־לערנטן אבו־קאטיר. צו צוואנציק יאָר פארענדיקט ער זיין זייער וויכטיק בוך איבער דער העברייאישער שפראך. א דאנק זיינע קענטעניסן פון דער העברייאישער שפראך און גראמאטיק פאָלעמיזירט ער זייער דערפאָלגרייך מיט די גאָר גרויסע געלערנטע אין יענער צייט. ער שרייבט אַן אסך ספרים, צווישן זיי אויך אן אראַ־בישע איבערזעצונג פון דער משנה.

דער ריש גלותא, דוד בן זכאי, וויל צוריק אויפריכטן די ישיבה אין סורא. ער ווייסט אז נאָר א גרויסער למדן וועט מיט זיין וויסן קענען אויפהויבן דעם פרעסטיזש פון דער ישיבה אין סורא. דוד בן זכאי לאדט איין ר' סעדיה'ן

צו קומען קיין סורא און ווערן גאון פון דער ישיבה. סעדיה פארלאזט מצרים און באזעצט זיך אין סורא. מיט ר' סעדיה'ס קומען ווערט די ישיבה אין סורא ווידער גיך אויפגעריכט. רבנים און אזוי געלערנטע פון אסך לענדער ווענדן זיך צו אים, מיט שאלות ותשובות. אסך געלערנטע קומען אין קיין סורא צו לערנען אין דער דארטיקער ישיבה.

ר' סעדיה גאון – דער מאן פון יושר און גערעכטיקייט.

אין סורא קומט פאר א דין תורה איבער א ירושה. דער ריש־גלותא גיט ארויס ניט קיין ריכטיקן פסק־דין און וויל נאך דערצו אז דער גאון ר' סעדיה זאל זיך אונטערשרייבן אונטער זיין פסק־דין. ר' סעדיה וויל ניט אונטערשרייבן דעם פאלשן פסק־דין און פארדאמט דעם ריש־גלותא. דער ריש־גלותא זאגט אפ ר' סעדיה'ן פון זיין ארט און באשטימט אן אנדערן אלס גאון פון סורא. עס ברעכט אויס א קאמף צווישן ר' סעדיה'ן און דעם ריש גלותא. ביידע ווערן זיך שונאים. ר' סעדיה מוז פארלאזן סורא. ער באזעצט זיך אין באגדאד אויף א לענגערע צייט. דארט שטודירט ער ווייטער און שרייבט וויכטיקע ביכער. ערשט מיט יארן שפעטער געלינגט איניקע חשוב'ע ייִדן פון באגדאד צו מאכן שלום צווישן דעם ריש־גלותא און ר' סעדיה'ן. ר' סעדיה קומט צוריק קיין סורא און ווערט צוריק גאון. זיינע שבירות אבער הייבט ר' סעדיה אוועקגעבן דעם נייעם אנפירער פון דער ישיבה (ר' יוסף סטיא).

ר' סעדיה טראגט ניט קיין שנאה אין הארצן.

דער ריש גלותא שטארבט, און זיין זון ירש'נט די שטעלע. אין א קורצע צייט ארום שטארבט אויך דער יורש און לאזט נאך זיך איבער א זון פון 12 יאר. ר' סעדיה גאון נעמט דעם פארבליבענעם יתום צו זיך אין הויז, לערנט מיט אים און דערציט אים כדי ער זאל שפעטער, ווען ער וועט אויסוואקסן, קענען פארנעמען דעם פלאץ פון זיין פאטער און זיידן.

ר' סעדיה'ס טויט.

ר' סעדיה לעבט 50 יאר. די קריגערייען און דאס שטענדיקע וואגלען ווירקט אויף זיין געזונט צושטאנד. די לעצטע יארן איז ער אפט קראנק. און

דאָך, כל זמן ער לעבט, צעוואקסט זיך די ישיבה אין סורא און ווערט אפילו גרעסער און וויכטיקער פון דער ישיבה אין פומבדיתא. ר׳ סעדיה שטארבט. די ידן פון סורא און איבער דער גאנצער וועלט באוויינען דעם טויט פון דעם גאון. די ישיבה אין סורא הויבט אָן פאלן און ווערט וואס א יאָר אָרימער. עס דויערט ניט צו דעם אז אין עטלאכע יאָרן ארום מוז זיך די ישיבה פארמאכן.

פאר די אין נאך אנדערע פונקטן זען:

ה. גרעץ, יידישע געשיכטע (אין ענגליש). 3-טער באנד, זייטן 187-226

" " " (אין יידיש). 2-טער באנד, זייטן 141-148

יידישע ענציקלאפעדיע, 10-טער באנד.

סאלאָ וויטמייער בארון, „א סאשיעל ענד רעלידזשיעס היסטארי אוו די דזשוס". ב-טער באנד, זייטן 313-370

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ר׳ חסדאי שפרוט (915-970)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

די ייִדן אין דעם אראבישן שפאניען לעבט זיך גוט. זיי געניסן רעכט און פריווילעגיעס. פיל ייִדן פארנעמען זיך מיט פארשידענע פרנסות און צייכע־נען זיך ספעציעל אויס אין האנדל. דער קאליף איז א געלערנטער מענטש און האָט ליב געלערנטע מענטשן. ער איז זיי מקרב און גיט זיי אָפט שטעלעס אין דער רעגירונג.

אייניקע פאקטן פון חסדאי׳ס ביאגראפיע:

חסדאי איז געווען א זון פון פארמעגלאכע און געלערנטע ייִדישע עלטערן אין דער שטאָט קאָרדאָווא. נאָך קינדערווייז ווייזט חסדאי ארויס א באזונדערע ליב־שאפט צו שפראכן. חסדאי קריגט א גוטע ייִדישע דערציאונג, שטודירט מעדיצין און מיט גרויס חשק לערנט ער די אראבישע און לאטיינישע שפראכן. מחמת דעם וואָס חסדאי פארמאָגט גרויסע פייאיקייטן און קען אויך שפראכן מאכט אים דער קעניג פאר זיין מיניסטער. חסדאי צייכנט זיך זייער אויס אין זיין אמט און העלפט זייער אָפט די ייִדן אין אנדערע לענדער. חסדאי שטיצט אויך אָרימע ייִדישע געלערנטע און האלט אויס ישיבות. חסדאי שטארבט אין דער שטאָט קאָרדאָווא גע־ערט פון זיינע פילע פריינט, ייִדן אזוי גוט ווי אראבער.

חסדאי און די כוזרים.

פון איינעם א ייִדישן רייזנדן (אלדד הדני) ווערט ר׳ חסדאי געוואר אז ערגעץ אין א לאנד לעבן דעם שווארצן ים געפינט זיך א ייִדישע מלוכה. חסדאי קען עס זיך נים גלויבן. א צווייטן מאָל - הערט ער אז נים ווייט פון שווארצן ים געפינט זיך א שבט וואָס הייסט כאזארן (כוזרים), אז זיי האלטן די ייִדישע אמונה און אז זייער קעניג הייסט יוסף. חסדאי דערפרייט זיך זייער. ער שרייבט א בריוו צו דעם קעניג יוסף און בעט אים זייער אים מודיע צו זיין אלעס וועגן דעם שבט. חסדאי שרייבט אז ער איז גרייט צו פארלאזן זיין הויבע שטעלע, זיין משפחה און קומען זען וואָס עס מאכט דער קעניג פון דעם ייִדישן שבט. אין א צייט ארום קריגט חסדאי אן ענטפער אז די כוזרים קומען נים ארויס פון ייִדן, נאָר די

קעניגן פון דעם שבט, צוזאמען מיט נאָך רײכע לײט, האָבן אנגענומען דעם ײדישן גלויבן מיט יאָרן צוריק. דער קעניג לאדט װסדאײן אײן צו זיך און זאָגט אים צו אז ער װעט אים אנפארטרויען א גרויסן אמט אין דער מלוכה.

<u>פאר די און נאָך פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, "ײדישע געשיכטע (אין ענגליש). 3-טער באנד, זײטן 216-230

" " " " (אין ײדיש). 2-טער באנד, זײטן 150-154

ש. דובנאָװ, "ײדישע געשיכטע. 2-טער באנד, זײטן 28-33

סאלא װיטמײער באראָן, „א סאָשיעל ענד רעלידזשיעס היסטאָרי אװ די דזשוס". 1-טער באנד, זײטן 313-370

שמואל הנגיד (1055-993)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

אין דעם אראבישן שפאניען איז די צייט זייער אן אומרויִקע. דאָס לאַנד ווערט באַפאַלן פון שונאים (קריסטן און מאַכמאַדאַנער). אין דעם לאַנד גופא קומען פאָר אויפשטאַנדן. פיל ייִדן אַנטלויפן פון קאָרדאָווע קיין גראַנאַדע און באַזעצן זיך דאָרט. צווישן יענע אַנטלאָפענע געפינען זיך שמואל הנגיד'ס עלטערן. שפּעטער וואַנדערט שמואל אויס קיין מאַלאַגאַ.

אייניקע פאַקטן פון זיין ביאָגראַפיע:

שמואל איז געבוירן געוואָרן אין קאָרדאָווע. ער שטאַמט אָפּ פון א באַרימטער שפּאַנישע ייִדישער משפחה נאַגרעלאַ (נגרילה). נאָך יונגערהייט גיבן אים זיינע עלטערן אָפּ צו באַרימטע געלערנטע. בא זיי לערנט ער זיך און וואַקסט אויס א גרויסער למדן און א קענער פון שפּראַכן. צו 20 יאָר וואַנדערט ער אויס פון קאָרדאָווע און באַזעצט זיך אין מאַלאַגאַ, א שטאָט לעבן ים.

דאָרט ציט ער פּרנסה פון זיין קליין קרעמל אין וועלכן ער האַנדעלט מיט געווירצן. דורך א צופאַל ווערט ער באַקאַנט דעם וויזיר און ווערט זיין סעקרעטאַר. שפּעטער ווערט ער וויזיר באַם קאַליף. מיט דער בריימער האַנט שטיצט ער ייִדישע געלערנטע און העלפט פאַרשפּרייטן ייִדישן וויסן. ער איז אליין א שרייבער און א פּאָעט און ער שרייבט פיל ווערק. א דאַנק דעם וואָס ער איז א חשוב'ער באַם קעניג טוט ער אויך זייער פיל פאַר די ייִדן אין אַנדערע לענדער. ער שיקט אַטך שטיצע צו די ישיבות אין מצרים, בבל און סיריען.

ר' שמואל ווערט דער וויזיר.

ניט ווייט פון שמואל'ס קרעמל געפינט זיך דאָס הויז פון דעם גראַנאַדישן וויזיר. אויסער זיין גרויסער ייִדישער געלערנטקייט איז שמואל אויך א גרויסער קענער פון דער אראבישער שפּראַך און פאַרמאָגט זייער א שיינע האַנט־שריפט. איינע פון דעם וויזירס דינסטן ווענדט זיך צו שמואל'ן ער זאָל פאַר איר אָנשרייבן א בריוו צום וויזיר.

דער וויזיר דערוויסט זיך אז דעם בריוו האט געשריבן שמואל. שמואל ווערט דעם וויזירס סעקרעטאר. ער ווערט אויך פארגעשטעלט פארן קאליף און מאכט אויף אים א גרויסן איינדרוק. נאכן טויט פון וויזיר ווערט שמואל דער גרויסער וויזיר באם קאליף.

<u>פאר די און נאך אנדערע פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, "ידישע געשיכטע (אין "דיש). 2-טער באנד, זייטן 162-165

" " " (אין ענגליש). 3-טער באנד, זייטן 254-264

ש. דובנאוו, "דישע געשיכטע. 3-טער טייל, זייטן 33-36

שלמה אבן גבירול (1020-1058)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

די פונקטן זײַנען די זעלביקע ווי אין דער לעקציע וועגן שמואל הנגיד.

אײניקע פאַקטן פון שלמה אבן גבירולס לעבן.

שלמה איז געבוירן געוואָרן אין מאַלאַגאַ, וואוהין זײַן פאָטער, וועלכער האָט פריער געוואוינט אין קאָרדאָוואַ, האָט אויסגעוואנדערט צוליב די פאַרפאָלגונגען אויף די ײדן אין יענער צײַט.

יונגערהײט בלײַבט שלמה א יתום. עלנד, אָן עלטערן, ברידער, שוועסטער און אָן פרײַנט וואנדערט ער פון שטאָט צו שטאָט, פון קהלה צו קהלה. ענדלאך קומט ער אָן קײַן סאַראַגאָסאַ וואו א רײַכער ײד (ר' יקותיאל פון סאַראַגאָסאַ) און א חשוב'ער באַם קעניג, איז אים מקרב און נעמט אים אַרײַן צו זיך אין הויז. שלמה גיט זיך אָפּ מיט לערנען העבר"איש און אַראַביש, ער שטודירט די ווערק פון די גרעסטע ײדישע און אַראַבישע שרײַבער און דײַנקער און שרײַבט לידער.

זײַנע לידער רופן אַרויס באוואונדערונג בא פיל גרויסע ײדישע און אַראַבישע שרײַבער. אומרוהען אין הויף פירן דערצו אז דער קעניג ווערט דערמאָרדעט און יקותיאל, זײַן חשוב'ער יועץ, ווערט אַרעסטירט און הינגעריכטעט. שלמה אבן גבירול, לאָזט זיך ווידער וואנדערן און קומט אָן קײַן גראַנאַדאַ. שמואל הנגיד נעמט אים אַרײַן צו זיך און גיט אים א מעגלאכקײַט ווײַטער צו שטודירן און שרײַבן ביכער. באַטש נאָך א יונגערמאַן (25 יאָר אַלט) דאָך איז שלמה גבירול באַרימט צווישן ײדישע און אַראַבישע דיכטער. פיל דיכטער זײַנען אים זײער מקנא. ס'איז ניט באַוואוסט פינקטלאך ווען און וואו ער איז געשטאָרבן.

שלמה אבן גבירולס טויט (לעגענדע).

אַן אַראַבישער דיכטער וועלכער איז זײער מקנא שלמה'ן און קען אים ניט פאַרגינען זײַן גרויסן טאַלאַנט פאַרנאַרט אים צו זײַן הײם, הרג'עט אים און באַגראָבט אים דערנאָך אין זײַן סאָד אונטער א פײַגנבוים. זינט יענעם טאָג צעוואַקסט זיך דער בוים אַזוי שײן און הויבט אָן אַרויסצוגעבן אַזעלכע שײנע

פרובט אז זײ קריגן א שם אין לאנד. דער קעניג דערוויסט זיך פון יענעם בוים און שיקט נאך דעם אראבישן דיכטער, כדי אויסצוגעפינען מער וועגן דעם וואונדערליכן בוים. דער אראבישער דיכטער דערשרעקט זיך און איז זיך ענדלאך מודה אין דעם מארד וועלכן ער איז באגאנגען.

<u>פאר די און נאך פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, "דישע געשיכטע (אין ענגליש). 3-טער באנד, ז"ז 264-271

ש. ראזענפעלד, "דישע געשיכטע. ב-טער באנד, ז"ז 21-29

א. גינזבערג, "דישע דענקער און פאעטן. ב-טער באנד, ז"ז 78-85

ש. דובנאוו, "דישע געשיכטע. 2-טער באנד, ז"ז 37-38

<u>מאטעריאל פאר קינדער אין ענגליש:</u>

וואלף פאשעלעס, „דזשואיש לעדזשענדס אוו די מידל איידזשעס"

יהודה הלוי (1086־(?)114)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין שפאניען קומען אפט פאר מלחמות צווישן די אראבער פון דרום שפאניען און די קריסטן פון צפון. אין די בלוטיקע שלאכטן צווישן די אראבער און קריסטן באטייליקן זיך אויך ייִדן, פון זיי איניקע פריוויליקע און אנדערע וואס זיינען דערצו געצוואונגען פון דער רעגירונג. אין יענער צייט ווערט די לאגע פון די ייִדן ערגער. דאך, ביזן אנקומען פון די אלמוהאדן (ארום 1148) לעבט זיך די ייִדן אין דעם אראבישן שפאניען פיל בעסער ווי אין דער קריסטלא־כער קאסטיליען.

איניקע פאקטן פון יהודה הלוי׳ס לעבן.

יהודה הלוי איז געבוירן געוואָרן אין דער שטאָט טאָלעדאָ אין דער קריסט־לאכער שפאניען. זיין פאָטער, א פארמעגלאכער מענטש, זעט ער זאָל קריגן א גוטע דערציאונג.

אין דער יוגענט פאָרט ער אריבער און באזעצט זיך אין דעם אראבישן שפאניען. דאָרט לערנט ער זייער אסך בא גרויסע געלערנטע, ער שטודירט אויך מעדיצין און א קורצע צייט פארנעמט ער זיך אפילו מיט היילן קראנקע. דאך ציט אים מער צו שרייבן לידער. צו דרייצן יאָר הויבט ער אָן צו שרייבן פאעזיע, און זיינע לידער ווערן באוואונדערט פון אסך געלערנטע. אין א צייט ארום ווערט זיין נאָמען באוואוסט נים נאָר אין שפאניען נאָר אויך אין אנדערע לענדער. ער דער־ווערבט זיך אויך אסך פריינט.

יהודה הלוי פאָרט קיין ארץ ישראל.

אזוי ווי אמאָל יחזקאל הנביא, טרוימט אויך יהודה הלוי וועגן דעם אז ייִדן וועלן צוריק אזיפגעריכט ווערן אין ארץ ישראל. זיין בענקען נאָך ארץ ישראל ווערט אלץ שטארקער און שטארקער. ער האלט אין שרייבן א וויכטיק ווערק און ער באשליסט צו פאָרן קיין ארץ ישראל, גלייך נאָך דעם ווי ער וועט פארענדיקן דאָס בוך. אין א צייט ארום פארלאָזט ער זיינע איגענע און ליבסטע און לאָזט זיך אין

וועג אר״ן. ז״נע א״גענע און פר״נט פרובירן אים אפצורעדן פון דער ר״זע, וועלכע איז א״ן יענער צ״ט פארבונדן מיט גרויסע שוועריק״טן און געפאר. יהודה הלוי איז אנטשלאסן און לאזט זיך א״ן וועג אר״ן.

יהודה הלוי פארט פארב״ די גרויסע שטעט קארדאווא און גראנאדא וואו ״דן נעמען אים אויף מיט גרויס כבוד. פון דארט פארט ער ק״ן אלכסנדריה (מצרים). אויך דארט קריגט ער א וואר״מע אויפנאמע פון ז״נע פר״נט און פאר־ערער. אויך ז״ וילן אים ניט לאזן פארן וו״טער. יהודה הלוי איז אבער אנט־שלאסן צו פארוו״רקליכן ז״ן לאנג־יאריקן טרוים - אל״ן מיט ז״נע א״גענע אויגן צו זען דאס לאנד. יהודה הלוי קומט אן ק״ן ארץ ישראל א״ן דער צ״ט ווען די קר״צ טרעגער הערשן א״ן לאנד. ס׳איז ניט באוואוסט וואו און ווען יהודה הלוי איז געשטארבן.

יהודה הלוי׳ס טויט (לעגענדע).

יהודה הלוי קומט אן ק״ן ירושלים בעת דאס לאנד געפינט זיך א״ן די הענט פון די קר״צטרעגער. ער דערזעט די שטאט ירושלים א״ן חורבות. פאר גרויס צער וו״נט ער זיך פאנאנדער. דער חורבן און די עלנדק״ט ארום רעגט אים אן צו שר״בן א ליד - דאס ליד „ציון הלא תשאלי״. אן אראבישער ר״טער פארט אן און דערזעט יהודה הלוי׳ן ליגן אויף דער ערד. דער ר״טער פארט א־ריבער אויף יהודה׳ן, און יהודה ווערט צעטראטן אויף טויט.

פאר די און נאך אנדערע פונקטן זע:

ה. גרעץ, ״דישע געשיכטע (א״ן ענגליש). 3־טער באנד, ז״טן 321־343

״ ״ ״ ״ (א״ן ״דיש). 2־טער באנד, ז״טן 185־187

ש. דובנאוו, ״דישע געשיכטע 3־טער באנד, ז״טן 40־45

א. גינזבורג, ״דישע דענקער און פאעטן א״ן מיטל אלטער. 1־טער באנד, ז״טן 131־170

ש. ראזענפעלד, ״דישע געשיכטע, 1־טער ט״ל, ז״טן 293־302

מאטעריאל פאר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואסשטיין או די נ״ט״, ז״טן 49־57

לעווינדזשער, „גר״ט דזשוס סינס ב״בל ט״מס״, ז״טן 64־69

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אברהם אבן עזרא (1092־1167)

היסטארישער הינטערגרונט:

(פונקטן די זעלבע ווי אין דער לעקציע וועגן יהודה הלוי׳ן)

אייניקע פאקטן פון אבן עזרא׳ס לעבן.

אבן עזרא איז געבוירן געווארן אין טאלעדא, שפאניען, און געלעבט אין איין צייט מיט ר׳ יהודה הלוי. אלע זיינע יארן לעבט ער אין ארימקייט און וואנדערט פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד.

א דאנק זיין דורשט צום לערנען ווי אויך א דאנק זיינע גרויסע פעאיקייטן ווערט ער שנעל באקאנט מיט די ווערק פון די גרעסטע יידישע געלערנטע פון זיין צייט. ער לערנט אסך יידיש וויסן, ווי אויך מאטעמאטיק, אסטראנאמיע און אסטראלאגיע. ער שרייבט אויך שירים און ווערט באקאנט אלס דיכטער. עס גייט אים אבער נים אין פרנסה און ער זאגט אליין אויף זיך, אז ער איז נים קיין בר מזל.

ווען עס שטארבן בא אים זיין פרוי און זיינע קינדער לאזט ער זיך וואנדערן איבער דער וועלט. (ס׳איז נים נייטיק צו דערמאנען פאר די קינדער אז איינער פון זיינע זין האט אנגענומען דעם מאכמעדאניזם גלויבן; פון יענעם זון האט זיך עזרא אין גאנצן דערווייטערט און אין איינע פון זיינע לידער האט ער אים באווינט ווי א טאטע באווינט זיין פארשטארבענעם זון).

ער פארלאזט שפאניען און קומט אן קיין רוים. דארט ווערט ער געשטיצט פון יידישע נגידים און ער שרייבט א פירוש אויפ׳ן תנ״ך.

5 יאר שפעטער פארלאזט ער רוים און וואנדערט איבער איטאליע פון קהלה צו קהלה און ווערט אומעטום אויפגענומען מיט גרויס כבוד.

פון איטאליע וואנדערט ער אויס קיין פראנקרייך וואו ער ווערט זייער פריינדלאך אויפגענומען פון די גרויסע יידישע געלערנטע, רש״י׳ס איניקלאך. אויך דא בלייבט ער נישט אויף לאנג און לאזט זיך פארן קיין ענגלאנד. אין לאנדאן זעט ער צו די שווערע לאגע פון די יידן און פארט צוריק קיין פראנקרייך, וואו ער לעבט א לענגערע צייט. אויף די עלטערע יארן באשליסט ער זיך

אומצוקערן צוריק קיין מאַלעדאַ, אָבער אונטערוועגס ווערט ער קראַנק און שטאַרבט אין דער שטאָט קאַלאַהאָרראַ, אין צפון שפּאַניען, האַרט בײַ דער פראַנצויזישער גרעניץ.

אברהם אבן עזרא און יהודה הלוי (לעגענדע).

אברהם אבן עזרא לעבט אין גרויס נויט און גייט אַרום זייער אָרעם געקליידט, ווי אַ בעטלער. צוליב זיינע שירים אָבער איז זיין נאָמען באַקאַנט צו אַסך יידישע געלערנטע, יהודה הלוי אײַנגעשלאָסן. אבן עזרא קומט צו יהודה הלוי'ן אין הויז אַריין און גיט ניט אָן זיין נאָמען. יהודה הלוי נעמט אים אָן פֿאַר אַן אָרעמען וואַנדערער און לאָזט אים איבערנעכטיקן בײַ זיך אין הויז. יהודה הלוי שרײַבט אַ לאַנגן שיר און איז זיך זייער מצער ווען ער קען אים ניט ענדיקן. אבן עזרא באַמערקט עס. בײַנאַכט ווען אַלע שלאָפן נעמט אבן עזרא דעם כתב־יד און פֿאַרענדיקט דעם שיר.

אינדערפֿרי באַמערקט יהודה הלוי אַז דער שיר איז פֿאַרענדיקט און שטויסט זיך אָן אַז דער וואַנדערער איז אבן עזרא.

(נאָך אַ לעגענדע, וועלכע איז ניט באַשטעטיקט, וויל האָבן אַז יהודה הלוי גיט אבן עזרא'ן זיין איינציקע טאָכטער פֿאַר אַ ווײַב).

פֿאַר די און אַנדערע פּונקטן זע:

ה. גרעץ, יידישע געשיכטע (אין ענגליש). 3־טער באַנד, זײַטן 375־367

ש. דובנאָוו, יידישע געשיכטע   3־טער טייל, זײַטן 47־45

א. גינזבערג, יידישע דענקער און פּאָעטן. ב־טער טייל, זײַטן 191־171

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

רמב"ם (1204-1135)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין דער שטאט קארדאווא וואו דער רמב"ם איז געבוירן געווארן, לעבן אסך ידן. די שטאט איז רייך און פארמאגט אסך שולן, אן אוניווערסיטעט און א ביבליאטעק מיט אסך ביכער. אויך ידן האבן זייערע שולן. די ידן געניסן רעכט און עס לעבט זיך זיי אין אלגעמיין רואיק. אין א קורצע צייט ארום ווערט א טייל פון שפאניען מיט דער הויפט שטאט קארדאווא און אנדערע שטעט איינגענומען פון די אלמוהאדן. די אלמוהאדן צווינגען די ידן אדער אנצונעמען דעם מאכמעדאנישן גלויבן אדער צו פארלאזן דאס לאנד. זייער פיל ידן זיינען געצוואונגען אויסצוואנדערן אין אנדערע לענדער.

איניקע פאקטן פון זיין לעבן.

די לעגענדע וויל האבן אז דער רמב"ם שטאמט אפ פון דוד המלך. נאך זייער יונג ווייזט דער רמב"ם ארויס גרויסע פייקייטן. פריער לערנט ער בא זיין פאטער, דערנאך בא ידישע און אראבישע געלערנטע. צוליב די געזעצן פון די אלמוהאדן איז דעם רמב"מ'ס פאמיליע געצוואונגען אויסצוואנדערן. דער רמב"ם וואנדערט ארום יארן פון לאנד צו לאנד. ער איז אוים אין אפריקע, אין ארץ ישראל, און אין מצרים, וואו ער באזעצט זיך אין דער שטאט קאירא. דער רמב"ם זעצט פאר זיין לערנען, שרייבט זייער וויכטיקע ביכער און ווערט בארימט. דעם רמב"מ'ס ברודער איז א סוחר פון אידעלשטיינער און דער רמב"ם איז זיינער א שותף. אין א קורצער צייט ארום שטארבט דעם רמב"מ'ס פאטער און דער ברודער ווערט דער'הרג'עט. דער רמב"ם בלייבט אן פרנסה. ער הייבט אן פראקטיצירן מעדיצין און ווערט בארימט אלס גרויסער דאקטאר. שפעטער ווערט ער דער דאקטאר פון דעם סולטאנ'ס הויף, אבער ער גיט ניט אויף זיין איגענע פראקטיק און העלפט פיל מענטשן רייכע און ארימע, ידן און אראבער. ער שטארבט אין עלטער פון 70 יאר. אויף אים פלעגט מען זאגן: „ממשה למשה לא קם במשה".

דעם רמב"מ׳ס בת הזכרון.

די אלמוהאדן פארכאפן קארדאװא. ײדן װערן געצװאונגען אדער אנצונעמען דעם מאכמעדאנישן גלויבן אדער צו פארלאזן דאס לאנד. דעם רמב"מ׳ס משפחה פארלאזט די שטאט און װאנדערט פון קהלה צו קהלה. דער רמב"ם הערט ניט אויף צו לערנען.

ער באשליסט ארויסצונעמען אלע געזעצן פון די ײדישע הײליקע ספרים (תנ"ך, משנה, תלמוד) און אויפצושרײבן זײ אין אײן בוך, אזוי אז מענטשן זאלן קענען ליכט געפינען אין בוך יעדן געזעץ. דערצו מוז מען אבער האבן די אלע ביכער, און דער רמב"ם האט זײ ניט. האט ער אבער א שטארקן זכרון און געדײנקט אלע געזעצן אויסװײניק און שרײבט זײ אויף.

װי דער רמב"ם פארברענגט יעדן טאג.

אין א בריװ צו זײנעם א גוטן פרײנט, זײער א געלערנטן מענטשן װעלכער װיל קומען צו אים אין געסט און שמועסן מיט אים װעגן תורה זאכן שרײבט ער אזוי: „מיט פרײד װעל איך דיך ארײננעמען אין מײן הויז. זאלסט אבער ניט מײנען, אז דו װעסט קענען רעדן מיט מיר אפגעזונדערט, אויג אויף אויג, װעגן װאס עס איז, אפילו בלויז אײן שעה, בײטאג אדער בײנאכט. די זאך איז די, איך װאוין אין פאסטאט (די אלטע טײל פון דער שטאט קאירא) און דער קעניג אין קאירא. צװישן די צװײ ערטער איז א גרויסע שטרעקע (װײטער מהלך). איך מוז זען דעם קעניג יעדן טאג אינדערפרי. טרעפט אמאל אז ער איז שװאך, אדער א קינד זײנס אדער אײנע פון זײנע װײבער װערט קראנק, פארברענג איך שוין דעם גרעסטן טײל פון טאג באם סולטאן. און סיגײט ניט אװעק דער טאג, אז עפעס א באאמטער אדער צװײ זאלן ניט קראנק װערן און איך מוז זײ הײלן. קורץ, טאג טעגלאך רײט איך גאנץ פרי קײן קאירא. איז דארט אלץ אין ארדנונג, בין איך בײטאג צוריק אין דער הײם, ניט פריער. איך בין הונגעריק. די פאדער צימערן טרעף איך פול מיט מענטשן, גוײם און ײדן, ארימע און רײכע, חשוב׳ע פרײנט און פײנט - אלע װײסן װען איך קער זיך אום. קריך איך אראפ פון דעם פערד, װאש זיך און בעט אנטשולדיקונג בא די מענטשן, זײ זאלן מיר דערלויבן עפעס צובײסן. נאך דעם נעם איך זײ אויף, באטראכט יעדן באזונדער און געב

זײ רעצעפּטן — און דאָס דויערט אַמאָל ביז שפּעט אין אָוונט. אַמאָל נעם איך זײ אויף ליגענדיק — אַזוי מיד בין איך. און אַמאָל טרעפט אַז אין אָוונט קען איך גאָרניט פאַרברענגען חוץ שבת. דאַן איז נאָכן דאַווענען, קומען צו מיר די פאַר־שטײער פון די היגע ייִדן און רעדן מיט מיר וועגן דעם וואָס עס זאָל געטאָן ווערן קומענדע וואָך און מע לערנט אַביסעל אויך. אַזוי ביז האַלבן טאָג. נאָך דעם גײען זײ אַהײם. אַנדערע ווידער קומען שפּעטער. אָט אַזוי פאַרברענג איך די טעג.״

ציטירט מיט קלײנע ענדערונגען לויט ש. ראָזענפעלד'ס

״ייִדישע געשיכטע. 2־טער טײל, זײַטן 19־20

<u>דער רמב״ם און דער קאַלכאויוון (אַ לעגענדע).</u>

דער רמב״ם איז זײער בעפרײנדעט מיטן סולטאַן. ער פאַרברענגט מיטן סולטאַן יעדן טאָג שמועסנדיק וועגן הויכע ענינים און אויך וועגן עניני פון דער מלוכה. דער סולטאַן האָט שטאַרק ליב דעם רמב״ם און באַראַט זיך מיט אים וועגן מלוכה ענינים. דעם גרויסוויזיר פאַרדריסט עס און ער רעדט אָן שלעכטס אויפן רמב״ם. אײנמאָל דערוועגט ער זיך אַפילו צו זאָגן אַז דער רמב״ם שפּאַט אָפּ פון דעם סולטאַן. דער סולטאַן וויל ניט גלויבן, אָבער ענדלאַך רעדט אים דער וויזיר איבער, און ער באַפעלט אַז אויף מאָרגן, ווען דער רמב״ם וועט קומען אין פּאַלאַץ, זאָלן די וועכטער אים אָפּפירן צום קאַלכאויוון און פאַרברענען. דער רמב״ם ווייסט ניט וואָס עס דערוואַרט אים. אינדערפרי לאָזט ער זיך פאָרן צום סולטאַן. אויפן וועג שטעלט אים אָפּ אַ קלײן ייִדיש ײנגעלע וואָס בעט זיך בײַ אים ער זאָל ראַטעווען זײן מאַמען וועלכע ליגט קראַנק. באַלד דער רמב״ם אײלט זיך, דאָך גײט ער צו דער קראַנקער און גיט פאַר איר צו רפואות; דערנאָך לאָזט ער זיך אײַן וועג אַרײַן. דער אומגעדולדיקער וויזיר ווילנדיק זיך דערוויסן צי דער רמב״ם איז טויט לויפט צום טויער פון פּאַלאַץ. די וועכטער, מײנענדיק אַז דאָס איז דער רמב״ם, כאַפּן דעם וויזיר און פאַרברענען אים אין קאַלכאויוון. דער רמב״ם קומט אָן שפּעטער און גײט אַרײַן אין פּאַלאַץ אַרײַן ווי געוויינלאַך. דער סולטאַן צעוויינט זיך פאַר פרײד, דערזעענדיק דעם רמב״ם אַ לעבעדיקן. מע געפינט אויס ווי אַזוי דאָס האָט פּאַסירט און בײדע, דער סולטאַן און דער רמב״ם בלײַבן ווי פריער גוטע פרײַנט.

(נאָך מעשׂהלאַך וועגן דעם רמב״ם איז [illegible]

דעם רמב"ם און זײן שטומען תלמיד קען מען געפינען

אין דער ביבליאָגראפיע)

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע.</u>

ה. גרעץ, ײדישע געשיכטע (אין ענגליש). 3־טער באנד, זײטן 446־494

ה. גרעץ, ײדישע געשיכטע (אין ײדיש). 2־טער באנד, זײטן 200־224

ש. ראָזענפעלד, ײדישע געשיכטע. 2־טער באנד, זײטן 7־20

ש. דובנאָוו, ײדישע געשיכטע. 3־טער באנד, זײטן 50־58

<u>פאר קינדער:</u>

בעטי קאלישער, „וואטשמען און די נײט". זײטן 57־71

װאלף פאסקעלעס (פאשעלעס) „דזשואיש לעדזשענדס און די מידל איידזשעס".
זײטן: 37־53; 109־121

לעװינדזשער, „גרײט דזשוס סינס בײבל טײמס". זײטן 47־79

דוד אל ראי

(געלעבט ארום דעם יאר 1160)

היסטארישער הינטערגרונט:

אונטער די אלמוהאדן לעבט זיך די ייד] אין שפאניען זייער שלעכט. פיל יידישע קהלות ווערן פאראָרעמט, איינציקע ווערן אינגאנצן חרוב. די בארימטע ישיבות אין סעווילא און אין אנדערע שטעט שליסן זיך צו. צוליב דער גזרה פון שמד אנטלויפן פיל יידן אין אנדערע לענדער, (אין דער קרימטלאכער קאס-טיליע, אין מצרים,א.א.) איינציקע נעמען אָן דעם מאכמעדאנישן גלויבן. אין די מערב אזיאטישע לענדער לעבט זיך די יידן ניט פיל בעסער.

אויך אין תימן בושעוועט די זעלבע גזרה פון שמד און דערפירט אסך יידן ביז פארצווייפלונג. אין פערסיע לעבן די יידן אונטער דער שווערער לאסט פון הויכע צינזן. א ספעציעלער באפעל לייגט ארויף א קאָפ-שטייער אויף אלע מענער אין עלטער פון 15 יאר און העכער.

א דאנק די קרייצוגן ווערט די מלוכה פון סולטאן שוואך, און די קלע-נערע פעלקערשאפטן מאכן אויפשטאנדן און רייסן זיך אָפ פון דעם סולטאן.

בא די יידן אין פערסיע באווייזט זיך א מאן וואָס וויל באפרייען די יידן פון דעם מאכמעדאנישן יאָך און צוריק אויפבויען א יידישע מלוכה אין ארץ ישראל. יענער מאן, אין וועלכן פיל טויזנטער גלויבן אז ער איז א משיח, הייסט מנחם בן שלמה, אָדער דוד אל-ראי.

איינציקע פאקטן פון אל-ראיי'ס לעבן.

דוד אל-ראי איז געבוירן געוואָרן אין אמאדיא. אין די ישיבות אין באגדאד לערנט ער תלמוד און ווערט באקאנט אלס גרויסער קענער פון תלמוד. ער שטודירט אויך אראביש.

דער באגדאדישער קאליפאט ווערט שוואך, און קליינע פעלקערשאפטן רייסן זיך אָפ פון אים. צו דוד אל-ראי קומט דער געדאנק אז אויך די יידן קענען אויסנוצן די געלעגנהייט און זיך באפרייען פון דעם מאכמעדאנישן יאָך.

אל-ראי רופט די יידן פון מערב אזיען צו א באפרייאונגס מלחמה.

אויף זיין רוף קומען אן קיין אמאדיא טויזענטער באוואפנטע ייִדן. על־ראי גרייט זיך צום אויפשטאנד.

דער סולטאן לאזט ארעסטירן דוד אל־ראי. דוד אל־ראי אנטלויפט פון דער תפיסה. דער סולטאן שרעקט די ייִדן מיט טויט אויב זיי וועלן איס נים ארויסגעבן אל־ראי׳ען. אל־ראי ווערט דער׳הרג׳עט פון זיין אייגענעם שווער.

<u>אל־ראי באם סולטאן (לעגענדע).</u>

אל־ראי ווערט געבראכט צום סולטאן. דער סולטאן פרעגט איס צי האלט ער זיך פאר דעם קעניג פון די ייִדן. אל־ראי ענטפערט אז יא, און דער סולטאן באפעלט מע זאל אים איינזעצן אין תפיסה. דער סולטאן זיצט אין פאלאץ און באראט זיך מיט זיינע יועצים ווי צו באשטראפן אל־ראי׳ען. אל־ראי, וועלכער האט דורך כשוף באוויזן צו אנטלויפן פון דער תפיסה, קומט אן און שטעלט זיך פאר דעם סולטאן. דער סולטאן בעפעלט ווידער מע זאל אל־ראי׳ען איינזעצן אין תפיסה, אבער אל־ראי פארשווינדט ווידער. דער פערסישער פארוואלטער פון אמאדיע קויפט אונטער אל־ראי׳ס שווער, וועלכער זאגט דערפאר צו צו הרג׳ענען זיין איידעם. אל־ראי פאלט טויט פון די הענט פון זיין אייגענעם שווער.

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). 3־טער באנד, זייטן 430־433

ש. דובנאוו, ייִדישע געשיכטע. 3־טער באנד, זייטן 49־50

א. גינזבערג, ייִדישע דענקער און פאעטן. 1־טער באנד, זייטן 215־219

ייִדישע ענציקלאפעדיע (אין ענגליש). זע אלראי (1־טער באנד)

<u>לייען מאטעריאל:</u>

ביקאנספילד — דיזראעלי — דוד אל־ראי

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ר ש " י (1040-1105)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגענדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין דער ערשטער העלפט פון דעם בב־טן יארהאונדערט ד.ה. אין דער צייט ווען רש״י איז נאָך א קינד, לעבן זיך די ייִדן אין פראנקרייך פארהעלטנישמעסיק רואיק. זיי פירן מסחר, האלטן פעלדער אין ארענדע, פארנעמען זיך מיט ווייַנגערטנערײַ א.א. פרנסות. די ייִדן צאָלן די קעניגן אסך שטייערן. די שטאָט טרוא וואו רש״י איז געבוירן געוואָרן איז א רייַכע. אין איר קומען פאָר גרויסע יאַרידים, אויף וועלכע עס פאָרן זיך צונויף סוחרים פון פארשידענע לענדער. אין דער שטאָט טרוא ווי אויך אין אנדערע שטעט אין דער פראָווינץ (שאמפּיין) וואקסן אויס אסך ישיבות און פון זיי קומען ארויס אסך לומדים.

אייניקע פאקטן פון זיין ביאָגראַפיע.

רש״יס פאָטער, אליין א למדן, גיט זיין זון א גוטע ייִדישע דערציאונג. רש״י ווייזט ארויס גרויסע פעאיקייטן און ער זעצט פאָר זיין לערנען אין ישיבות אונטער דער השגחה פון גרויסע רביים. נאָך א לענגערער צייט קומט ער צוריק אהיים און האָט חתונה. ער פארבלייבט אין דער היים א קורצע צייט און איבערלאָזנדיק זיין פרוי בא זיינע עלטערן פאָרט ער ווידער אוועק און לערנט אין ישיבות, שטודירט און שרייבט זיינע ווערק. אים קומט אויס צו לערנען אונטער זייער שווערע אומשטענדן. ניט איין מאָל, ווי ער שרייבט פעלט אים אויס „דאָס מאָל עסן און אפילו א קלייד אויפ׳ן לייב". אין עלטער פון פינף און צוואנציק יאָר קומט ער צוריק אהיים און עפנט אליין א ישיבה. רש״י ווערט בארימט און קריגט אסך תלמידים. אבער ניט פון דער ישיבה לעבט ער. ער פארנעמט זיך מיט ווייַנגערטנערײַ און ציט פון דעם חיונה. זיין לעבן איז א לעבן אין דחקות. ער אונטערנעמט זיין גרויסע ארבעט צו שרייבן זיין פירוש אויפ׳ן תנ״ך און תלמוד און ער באוויזט עס מיט דער הילף פון זיינע תלמידים. ער האָט א פרוי און דריי טעכטער. זיינע איידעמס און אייניקלאך זיינען אויך גרויסע לומדים. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן קומען פאָר שרעקלאכע מהומות אין איראפּא

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

און די ײדן אין פראנקרײך לײדן זײער פיל.

(זע ש. ראָזענפעלד, ײדישע געשיכטע. 2־טער באנד)

רש״י און דער בישאָף (א לעגענדע)

רש״י קומט קײן פראג און די ײדן נעמען אים דאָרטן אויף מיט גרויס כבוד. א מוסר לאָזט וויסן דעם דיוק אז רש״י איז א שפיאָן און דער דיוק לאָזט רש״יען ארעסטירן. רש״י ווערט פאָרגעבראכט פאר דעם געריכט. דער עלטסטער פון די ריכטער איז א בישאָף וועלכער זאָל זיך האָבן אָנגעטראָפן מיט רש״יען אין ארץ ישראל. דער בישאָף דערקענט רש״יען און דערמאָנט זיך ווי אזוי רש״י האָט אים אויסגעהײלט פון א קראנקהײט און אים באדינט בשעת ער איז געלעגן א קראנקער צו בעט. רש״י דערקענט אויך דעם בישאָף, און דער בישאָף ראטעוועט רש״יען פון טויט.

(זע ראבי דזש. מעקס ווײס, „גרײט מען אין איזראעל״, זײטן 87 א.וו.)

פאר די און אנדערע פונקטן זע ביבליאָגראפיע:

ש. דובנאָוו, ײדישע געשיכטע. 2־טער באנד

ה. גרעץ, ײדישע געשיכטע (אין ענגליש). 3־טער באנד, זײטן 286־290

סאלא וויטמײער באראָן, „א סאָשיעל ענד רעלידזשיעס היסטאָרי אוו די דזשוס״. 2־טער באנד, זײטן 12־123

לײען מאַטעריאַל פאר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואטשמען און די נײט״. זײטן 43־49

וואָלף פאסקעלעס (פאשעלעס), „דזשואיש לעדזשענדס אוו די מידל אײדזשעס״. זײטן 25־37

אברהם בורשטײן, „די באַי קאלד רש״י״ (דאָס גאנצע בוך)

לעווינדזשער, „גרײט דזשוס סינס ביבל טײמס״. זײטן 54־59

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דון יצחק אברבנאל (1437-1509)

היסטאָרישער הינטערגרונט.

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די לאגע פון די יידן אין שפּאניע (אין יענער צייט) ווערט וואס אמאל ערגער. דער קעניג פירט מלחמות מיט די מורן און נייטיקט זיך דעריבער אין אסך געלט. מחמת דעם ליגט ער ארויף אויף די יידן נאך שטייערן, און דאס פירט צו דעם אז די לאגע פון די יידן ווערט אלץ שווערער. צו דערזעלבער צייט ארבעטן די גלחים זייער שטארק צו באקערן די יידן צום קריסטנטום. די אנוסים (מאראנען) וועלכע ווערן פארדעכטיקט אין אפהיטן יידישקייט ווערן צוגעצויגן צום געריכט פון דער אינקוויזיציע און אָפט פארמישפּט צום טויט. אונטער'ן אויסרייד אז די יידן פירן אראָפּ די אנוסים פון „דרך הישר" פאדערן די גלחים אז מע זאָל די יידן גאָר ארויסטרייבן פון לאנד.

באהערשט פון דעם פארלאנג שנעל צו באריי כערן די קעניגלאכע קאסע זוכט דער קעניג צו ירש'ענען דאָס יידישע האָב און גוטס און גיט ארויס די גזרה פון גירוש. יידן שיקן פאָרשטייער בעטן דעם קעניג ער זאָל בטל מאכן די גזרה און שלאָגן אים פאָר אסך געלט. אונטער'ן דרוק פון דעם הויף גלח טארקוועמאדא, זאָגט זיך דער קעניג אָפּ צו בייטן זיין באשלוס. צווישן די יידישע שלוחים צום קעניג געפינט זיך דון יצחק אברבנאל.

אייניקע פאקטן פון דון יצחק אברבנאל'ס לעבן.

אברבנאל איז געבוירן געוואָרן בא רייכע עלטערן אין ליסבאָן פארטוגאל. אברבנאל קריגט א גוטע יידישע דערציאונג און לערנט אויך וועלטלאכע למודים. צוליב זיין לומדות ווי אויך זיינע פעאיקייטן און פינאנץ-ענינים ווערט ער איינגעלאדן צו ווערן דעם קעניגס פינאנץ מיניסטער. זיין אויפגאבע דערפילט ער גלענצנד. ער קריגט אָבער אויך אסך שונאים און ווען דער קעניג שטארבט, אנטלויפט ער קיין שפּאניע. די יידן אין שפּאניע נעמען אים אויף מיט פריד און גרויס כבוד און בעזאָרגן אים מיט אלצדינג כדי ער זאָל קענען ווייטער שטודירן און שרייבן ביכער.

דער שפּאנישער קעניג לאדט איין אברבנאל'ן צו זיין בא אים פינאנץ

מיניסטער. גאנצע אכט יאָר פאַרנעמט ער דעם אמט און ווערט א גרויסער חשוב ביים קעניג.

בראש פון א יידישער דעלעגאציע גייט אברבנאל בעטן דעם קעניג ער זאָל במל מאכן די גזרה, אבער אָן דערפאָלג. אברבנאל פארלאזט שפאניען און קומט אָן קיין פּאָרטוגאל. דאָרט באזעצט ער זיך און האלט אָן א קורצע צייט אן אמט באם פּאָרטוגעזישן קעניג. אינגיכן מוז ער אָבער פארלאזן נעאפּאָל און נאך וואנדערונגען באזעצט ער זיך ענדלאך אין דער שטאָט ווענעדיג בא זיין זון וועלכער איז אין יענער צייט א בארימטער דאקטאָר מעדיצין.

דון יצחק אברבנאל דער פרומער ייד און בעל צדקה.

דער קעניג אלפאָנזע נעמט איין די שטאָט ארצילא (אפריקע). פון ארצילע ברענגט מען קיין פּאָרטוגאל 500 יידישע געפאנגענע צו פארקויפן פאר קנעכט. אברבנאל האלט שטארק פון פדיון שבויים און רוט ניט ביז ער נעמט צונויף גענוג געלט אויף אויסצולייזן די געפאנגענע יידן. מיט דעם אליין בארואיקט ער זיך אָבער ניט און ער זאמעלט נאך געלט פאר די באפרייטע יידן כדי זיי זאָלן זיך קענען שאפן א פרנסה.

(זע ה. גרעץ. 3-טער באנד, זייטן 64-68)

יידן פארלאזן שפאניען.

די גרויזאמע גזרה פון גירוש איז ארויס, און יידן גרייטן זיך צו פארלאזן דאָס לאנד. די קאטוילישע מאנאכן זוכן דערווייל אפצושמדן יענע יידן, וועלכע זיינען פארצווייפלט און ווילן ראטעווען זייער פארמעגן. די לעצטע טעג קומען אָן, און די יידן גייען זיך געזעגנען מיט די קברים פון זייערע עלטערן. טויזנטער יידן פארברענגען אויף די קברים גאנצע דריי טעג, און זייער געיאָמער רופט ארויס א מיטגעפיל בא פילע שכנישע קריסטן. ארום 300 טויזנט יידן פארלאזן שפאניען דעם 9-טן אב, דעם טאָג פון חורבן פון דעם בית המקדש.
(זע גרעץ. 4-טער באנד, זייטן 350-353)

פאר די און נאך אנדערע פונקטן זע:

ה. גרעץ (אין ענגליש). 4-טער באנד, זייטן 334-355

" " (אין יידיש). 3-טער באנד, זייטן 64-84

ש. דובנאָוו. 3-טער באנד

מאטעריאל פאר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואטשמען אָן די נײט", זײטן 79-92

לעווינדזשער, „גרײט דזשוס סינס די בײבל", זײטן 83-88

דער מהר"ל (1560-1609)

(ר' יהודה ליוואי)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

אין די צייטן פון מיטלאַלטער ליידן די יידן זייער פיל פון דעם עלילת-דם. פון צייט צו צייט ווערט דער עלילת-דם באַניט אין דעם אָדער אין יענעם לאַנד. אין דעם 16-טן יאָרהונדערט ווערט דער עלילת-דם זייער פאַרשפּרייט אין שפּאַניע, אונגאַרן און בעמען. יידן קומט אויס אויסצושטייען זייער פיל רדיפות. יעדן ערב פסח פלעגט די יידן באַפאַלן א שרעק מאָמער וועט מען ערגעץ וואו אין א יידישער שטוב אונטערוואַרפן א טויט קינד און פאַרשפּרייטן א קלאַנג, אַז די יידן האָבן דאָס קינד דער'הרג'עט צוליב ריטועלע צוועקן.

איניקע שטריכן פון דעם מהר"ל'ס ביאָגראַפיע:

דער מהר"ל שטאַמט אָפּ פון זייער געלערנטע און רבנישע עלטערן. מחמת זיין גרויסער געלערנטקייט ווערט ער אויסגעקליבן רב אין דער בעהעמישער הויפּט-שטאָט פּראַג. ער פאַרפאַסט איניקע יידישע ווערק, שטודירט מאַטעמאַטיק און ווערט אויך באַקאַנט אלס גרויסער מאַטעמאַטיקער. ער איז זייער באַליבט בא די יידן אין בעמען און איז זייער חשוב באַם קעניג און ווערט זיין פאַרטרויענסווערטער בעל-יועץ.

דער מהר"ל בעשאַפט דעם גולם (לעגענדע)

דער בומר (קומער) טאַדעאוש איז א גרויסער שונא ישראל וואָס האַלט אין אין מאַכן בלבולים אויף די יידן. דער מהר"ל באַשליסט צו באַשאַפן א גולם פון ליים „כדי אויסצוראָטן די שונאים און פערצוקער" פון די יידן. אויסערן שטאָט באַם טייך אויף א ליימענעם אָרט קנעט דער מהר"ל אויס דעם גולם פון ליים. קיי-נער אחוץ דעם מהר"ל, זיין איידעם און זיין בעסטן תלמיד, ווייסן ניט פון דעם. מיט דער הילף פון דעם גולם געפינט דער מהר"ל אויס וואו און ווען עס ווערן צוגעגרייט די בלבולים און בכלל וואו עס לויערט א געפאַר אויף די יידן. אין שטעטל ווייסט קיינער ניט ווער דער גולם איז. דער גולם געפינט זיך געוויינלאך אין בית דין שטיבל באַם מהר"ל און דער עולם מיינט אַז דער גולם איז אן אונ-טער שמש ביים בית דין.

(זע לעאָן עלבע, פון יידישן קוואַל. זייטן 216-220)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דער פינפער טורעם און דאָס טויטע קינד (לעגענדע)

דער בומר טארעאזש הרג׳עט דאס קינד פון זײן קריסטלאכן דינער. דאס בלוט פון דעם קינד גיסט ער ארײן אין פלעשער און קלעפּט אויף זײ אָן די נעמען פון די חשוב׳סטע ײדן אין שטאָט. די פלעשער מיט׳ן בלוט באהאלט ער אין א קאסטן, װעלכן ער טראָגט אריבער אין דעם פארלאָזענעם אלטן טורעם און באגראָבט אים דאָרט אין א הײל. אין א חלום זעט דער מהרי״ל אז דער פינפער טורעם ברענט און דאָס פײער פארכאפּט אויך די שול. דער מהרי״ל דערשפּירט א סכנה און צוזא־מען מיט׳ן שמש און דעם גולם לאָזט ער זיך גײן צום טורעם. דאָרט געפינט דער גולם דעם קאָסטן. לויטן באפעל פון דעם מהרי״ל צעברעכט דער גולם די פלעשער און באגראָבט זײ אין א גרוב און דעם הרוג טראָגט ער אריבער אין דעם בומר׳ס קעלער ארײן דורך א געהײמער הײל װאָס פארבינדט דעם טורעם און דעם קעלער. פאר פּאסכע שיקט דער בומר זײן דינער אין קעלער נאָך װײן. דער דינער צוזאמען מיט זײן פרוי לאָזן זיך גײן אין קעלער און געפינען דעם הרוג. דער דינער אנטלויפט צום הויפּטמאן פון דער שטאָט און דערצײלט אים װעגן אלץ. דער בומר װערט ארעסטירט און שװער באשטראָפט. די ײדן פון פּראג װערן געראטעװעט פון געפאר.

(זע ל. עלבע, פון ײדישן קװאל. זײטן 230־235)

דער סוף פון דעם גולם.

דער מהרי״ל פלעגט געװײנלאך דעם גולם ארײנלײגן אין מזיל א שם המפורש. יעדן ערב שבת פלעגט ער דעם שם ארויסנעמען כדי דער גולם זאָל רוהען. אײנמאָל ערב שבת פארגעסט דער מהרי״ל ארויסצונעמען דעם שם. דער גולם אנט־לויפט אין שול ארײן. דער מהרי״ל לויפט נאָך דעם גולם און כאפּט אים לעבן דער שול. שנעל כאפּט ער ארויס דעם שם פון דעם גולם׳ס מויל. דער גולם װערט צע־שטויבט.

פאר די און נאָך אנדערע פונקטן זע:

ײדישע ענציקלאָפּעדיע (אין ענגליש). בוך 6, זײטן 36־37 און בוך 7, זײטן 353־355

לײען מאטעריאל פאר קינדער:

לעאָן עלבע, פון ײדישן קװאל. זײטן 216־220; 230־235

[illegible]

מנשה בן ישראל (1657-1604)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פּונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין האָלאַנד וואוינען אין יענער צייט אסך יידן וועמעס עלטערן האָבן מיט יאָרן צוריק אויסגעוואנדערט פון שפּאניען און פּאָרטוגאל. באַטש זיי ווערן דאָ נים געדעכנט צווישן די פולבארעכטיקטע בירגער פון לאנד, דאָך געניסן זיי פון רעליגיעזער פרייהייט און אויך רעכט צו פאַרנעמען זיך מיט מסחר און אנ-דערע פּרנסות. יידן האָבן דאָ אין יענער צייט עפּענטלאכע שולן צום דאווענען און שולן אין וועלכע זייערע קינדער לערנען און קריגן א יידישע דערציאונג. די יידן אין האָלאַנד געבן ארויס פון צווישן זיך גרויסע מענטשן, דענקער און פּי-רער. איינער פון זיי איז מנשה בן ישראל.

אייניקע פּונקטן פון זיין לעבן:

מנשה בן ישראל איז געבוירן געוואָרן אין האָלאַנד (לא ראיזעל) וואוהין זיינע עלטערן (מאראנען) האָבן אויסגעוואנדערט פון ליסבאָן. זיינע עלטערן באַ-זעצן זיך אין אמסטערדאם. מנשה לערנט זיך באם רב פון שטאָט (ר' יצחק אוזיאל) און קריגט א גוטע יידישע דערציאונג. ער לערנט אָבער אויך וועלטלאכע למודים און אסך שפּראכן. (ס'איז דאָ א מיינונג אז ער האָט געקאָנט צען שפּראכן). ער באנוצט זיך פריי מיט העברייאיש, לאטייניש, פּאָרטוגעזיש, שפּאניש און ענגליש. ער שרייבט אויך ביכער און דערווערבט זיך אסך פריינט צווישן יידן און נים-יידן. נאָך דעם טויט פון דעם רב, ווערט ער רב אין אמסטערדאם. דאָך לעבט ער מיט זיין ווייב און קינדער אין ארעמקייט און נויט. ער קלייבט זיך אפילו פאָרן קיין בראַ-זיל. ער שרייבט זיך דורך מיט גרויסע שטאַטסלייט פון פארשידענע לענדער, און אין זיינע בריוו צו זיי רעדט ער שטענדיק וועגן יידן און זייער לאגע. ער שרייבט זיך דורך מיט דער קעניגין פון שוועדן און בעט זי צו דערלויבן די יידן צו באזעצן זיך אין שוועדן.

ער ווענדט זיך אויך צו דער ענגלישער רעגירונג מיט דער בקשה, זי זאל דערלויבן די יידן צו וואוינען אין ענגלאנד.

ער פאָרט אויך אליין אוועק קיין ענגלאנד, אליין זיך משתדל זיין וועגן

דעם בא קראָמוועלן און בא דער רעגירונג. אויפֿן וועג צוריק קיין האָלאַנד שטאַרבט מנשה בן ישראל אין מאַגדעבורג אין 1657.

<u>מנשה בן ישראל אַרבעט פֿאַר דעם אַז ייִדן זאָלן זיך קענען באַזעצן אין ענגלאַנד.</u>

מנשה בן ישראל ווענדט זיך צו קראָמוועלן מיט דער בקשה ער זאָל דער־לויבן די ייִדן צו באַזעצן זיך אין ענגלאַנד. ער שיקט זיין זון און זיין פּלי־מעניק, וועלכע דאַרפֿן קאָנפֿערירן מיט קראָמוועלן. זייער שתדלנות העלפֿט אָבער ניט. מנשה בן ישראל פֿאָרט דאַן אַליין קיין ענגלאַנד, זיך משתדל צו זיין בא קראָמוועלן און דער ענגלישער רעגירונג. זייענדיק אין לאָנדאָן באַקענט ער זיך מיט פֿיל קריסטלאַכע שטאַטסלייט און איבערצייגט זיי אין דער גערעכטיקייט פֿון זיין פֿאָדערונג. ער דרוקט אויך אָפּ אין לאָנדאָן א בוך אין וועלכן ער באַווייזט אַז ייִדן זיינען שטענדיק גוטע פּאַטריאָטן, און מיט זייערע פֿייאיקייטן אין מסחר וועלן זיי אויך ענגלאַנד באַרייכערן אויב מע וועט זיי צוריק אַריינלאָזן אין לאַנד.

דער דערפֿאָלג קומט ניט אַזוי גיך, און ערשט נאָך מנשה בן ישראלס טויט האָבן ענגלאַנד אָן אַריינלאָזן ייִדן.

<u>פֿאַר די און אַנדערע פּונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). 5־טער באַנד, זייטן 42־20

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע 3־טער באַנד, זייטן 170־167

ייִדישע ענציקלאָפּעדיע (ענגליש) 8־טער באַנד, זייטן 286־284

<u>דערציִערישער מאַטעריאַל פֿאַר קינדער:</u>

בעטי קאַלישער, „וואַטשמען און די נייט"

לעווינדזשער, „גרייט דזשוס סינס בייבל טיימס", זייטן 100־96

דעבאָראַ פּעסין, „מאָדערן דזשואיש פּוירסאַנאַליטיס", זייטן 9־5

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דער בעל שם טוב (?)1700-1760)

(עס מוז דאָ גלייך באַם אָנהויב געזאָגט ווערן: איבערצוגעבן קינדער פון 2-מן לערניאָר עפּעס וועגן בעל שם טוב איז ווייט ניט קיין לייכטע זאַך. איז אָבער דערפאַר דער לעגענדאַרישער מאַטעריאַל אַרום דעם בעש"ט אַזאַ רייכער, אַז ס'איז ממש אַ שאַד אויסצולאָזן אים פון דעם קוריקולום, אויב אַפילו עס זאָל דעם לע-רער נאָר געלונגען אַרויסצוברענגען אויף אַ לייכטן אופן דעם דעמאָקראַטישן גייסט וואָס דעם בעל שם טובס שיטה האָט אַריינגעבראַכט אין דעם יידישן לעבן. אין דער הינזיכט וועט דעם לערער פיל אַרויסהעלפן דער לעגענדע מאַטעריאַל און ס'וועט אים אויך בייַשטיין דער זכות (זאָל מיר אַזאַ אויסדרוק דערלויבט ווערן) וואָס די קינדער זיינען דווקא געבוירענע אין אַמעריקע. און נאָך אַ זאַך: כאָטש איך קאָן באַשטייט אָבער די גרויסקייט פון דעם בעל שם טובס פּערזענלאַכקייט דווקא אין איר פּשטות. און וועט דער לערער געדיכטער מאַכן יענע קאָלירן דורך מאַריך זיין וועגן די מופתים פון בעש"ט, איז ער עלול איינגאַנצן צו פאַרקרימען דעם פּרצוף פון בעש"ט אין די אויגן פון אונדזערע אַמעריקאַנער יידישע קינדער. ער וועט באַ זיי אויסקוקן ווי אַ "מיראַקל מען", וועלכן זיי וועלן אָן באַזונדערע שוועריקייטן אַסאָ-ציאירן מיט די העלדן פון די "מיסטערי סטאָרים" וועלבע זיי לייענען זייער אָפט. און דאָס איז דאָך זיכער ניט אונדזער פאַרלאַנג.

<u>פאָלגנדע פונקטן פון דעם בעל שם טובס פּערזענלאַכקייט קאָנען פאַרגעבראַכט ווערן פאַר די קינדער:</u>

דעם בעש"טס קינדהייט און יוגנט; דער בעש"ט ווערט רב; דעם בעש"טס מיטלייד מיט דעם אָרעמען בעל מלאכה. זיין געדאַנק אַז ביי גאָט איז דער אָרימאַן ווי דער נגיד אָדער למדן גלייך; (דער לערער וועט אויך פיל דערגרייכן, אויב ער וועט די קינדער פריער דערציילן עפּעס (ניט קיין סך) וועגן דעם לעבן פון די יידן אין יענער צייט וואָס זאָל באַווייזן אַז דער רייכער און דער למדן האָבן אַראָפּ-געקוקט אויף דעם אָרעמען בעל מלאכה)

<u>היסטאָרישער הינטערגרונט.</u>

די יידן אין פּוילן און אין רוסלאַנד לעבן מייסטענס אין די קליינע שטעט

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

און שטעטלאך. איינצעלנע משפחות וואוינען אין די דערפער און ציען זייער חיונה פון האלטן די מיל, האלטן די קרעטשמע א.א.

"ידן, סיי ארימע, סיי רייכע, ווערן פיל געירודפ'ט פון דער רעגירונג. דער האס צו יידן איז גרויס. ערשט מיט א 50 יאר פאר דעם געבורט פון בעש"ט קומען פאר די שחיטות פון ת"ח ות"ט.

די מערהייט יידן לעבן פון קליינע פרנסות און זיינען בעל מלאכות. דער רייכער שטאלצירט מיט זיין רייכטום און האלט זיך גרויס. דער יחוס שפילט א גרויסע ראלע. א שידוך מיט אן ארעמען בעל מלאכה איז ווי א פלעק אין דעם נגיד'ס משפחה.

<u>איניקע פונקטן פון דעם בעל שם טוב'ס לעבן (לויט לעגענדעס)</u>

דער בעש"ט איז געבוירן געווארן אין דעם שטעטעלע אקופ, וואלאביע, לעבן דער פוילישער גרעניץ. נאך גאר א קינד ווערט ער א יתום און קהל גיט אויף אים השגחה. ער לערנט אין חדר, האט אבער ליב דאס פעלד און ניט איינמאל אנטלויפט ער פון חדר און ווערט פארפאלן.

ישראליק ווערט א באהעלפער, שפעטער א שמש אין בית המדרש. אין די נעכט ווען קיינער זעט אים ניט, לערנט ער. דער בעש"ט האט חתונה, באזעצט זיך אין די קארפאטער בערג און פירט אן ארעם לעבן. שפעטער האלט ער א קרעטשמע אבער אויך דאן לעבט ער אין נויט. זיין שוואגער א תלמיד פארפארט אמאל צו אים אין קרעטשמע, צערעדט זיך מיט אים און איז אנטציקט פון בעל שם טוב'ס פשטות און געלערנטקייט. דער בעש"ט ווערט רב אין שטאט. אסך מענטשן קומען באוואונדערן זיין חכמה, געלערנטקייט און פשטות.

דער בעל שם טוב קריגט אסך אנהענגער - חסידים.

דער בעל שם טוב לערנט מיט זיי תורה און דרך ארץ. צווישן זיינע חסידים זיינען דא ארעמע, רייכע און אויך געלערנטע. אלע זיינען בא אים גלייך. דער בעש"ט פארט קיין ארץ ישראל און קערט זיך אום צוריק פון וועג.

<u>דעם בעש"טס געבורט (לעגענדע)</u>

דעם בעש"טס עלטערן האבן געלעבט אין אקופ (א שטעטל אין וואלאכיע). רויבער באפאלן דאס שטעטל און פירן אוועק דעם בעש"טס פאטער (אליעזר) אין

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

געפאנגענשאפט. דעת בעש"טס מוטער אנטלויפט אין א דערבײאיק שטעטל וואו זי ווערט א היבאם. די רויבער פירן אוועק אליעזר׳ן אין א ווייטער מדינה און פארקויפן אים פאר א קנעכט. זיין בעל־הבית פארקויפט אים צום קעניג׳ס בעל יועץ. אליעזר העלפט דעם יועץ אפטמאל מיט גוטע עצות, איז נושא חן בא אים און ווערט אינגיכן באקאנט דעם קעניג אליין, וועלכער מאכט אים פאר דעם עלטסטן איבער זיין ארמײ. אליעזר בײנקט אהיים, און, באלאדן מיט אסך גאלד און זילבער, פארלאזט ער דאס לאנד. אויפ׳ן וועג באפאלן אים רויבער און נעמען בא אים צו זיין גאנצן פארמעגן. ער דערשלאגט זיך אבער פארט אהיים אין זיין שטעטל און טרעפט דארט זיין ווײב. אויף דער עלטער געבוירן זיי א קינד און געבן אים א נאמען ישראל. טאטע מאמע שטארבן אבער אוועק ווען ישראליק איז נאך קיין יאר נישט אלט. ישראליק בלײבט א יתום, און קהל גיט אויף אים השגחה.

(זע ש.ראזענפעלד, "דישע געשיכטע. 2־טער באנד, זייטן 216־217)

דער בעל שם טוב דערציילט זײנע חסידים א מעשה.

א לערנער וואוינט אין איין הויז מיט אן ארעמען בעל מלאכה. דער לערנער גייט יעדן טאג אין בית המדרש אריין. ער דאוונט און לערנט דארט און קומט אהיים א צעפרידענער. דער בעל מלאכה שטייט אויף גאנץ פרי, לויפט אוועק אין בית המדרש און דאוונט אפ אויף שנעל און לויפט אוועק ארבעטן. נאך דעם שווערן טאג ארבעט קומט ער אהיים. און אזוי טאג נאך טאג. דער לערנער האלט זיך גרויס און לאכט אפ פון דעם ארעמען בעל מלאכה. ביידע, דער לערנער און דער בעל מלאכה שטארבן. אין הימל נעמט זיך דער לערנער איבער מיט דעם וואס ער האט געדאוונט און געלערנט, און א מלאך וואס שטייט דערביי באמערקט אז דער לערנער האט אבער אויך אפגעשפאט פון דעם ארימאן. ווארפט מען דעם לערנער ארײן אין גיהנום.

פרעגט מען דעם ארימען בעל מלאכה וואס ער האט געטאן אויף יענער וועלט. ענטפערט ער אז ער האט שווער געארבעט און קיין צייט ניט געהאט ווי געהעריק צו דאוונען, און לערנען האט ער ניט געהאט די געלעגנהײט. דער מלאך וועלבער שטייט דערביי באמערקט, אז דער ארימאן האט זיך טאקע שטענדיק געשעמט וואס ער קאן ניט לערנען. און דעם ארימען בעל מלאכה זעצט מען ארײן

אין גן עדן.

(זע ראָזענפעלד. 2-טער באנד, זייטן 225-226)

(מע קען אויך אויסנוצן די לעגענדעס וועגן דעם ווי ישראליק דער באַ-העלפער פירט די קינדער אין חדר מיט געזאַנג; די לעגענדע וועגן דעם בעש״ט מיט׳ן וואלקולאק א.א.)

(זע יידישע לעגענדעס געזאמעלט פון ש. באַסטאמסקי. 1-טער באנד)

וואָס דער בעל שם טוב האָט זיינע חסידים געלערנט. (איניקע פונקטן)

בא גאָט זיינען אלע גלייך, רייך צי אָרעם, למדן צי פּראָסטער מענטש. אויך א פּראָסטער מענטש קען זיין פרום. דאַוונען דארף מען מיט באגייסטערונג. דער מענטש טאָר ניט זיין טרויעריק. גאָט האָט ליב א מענטשן וועלכער איז אין א גוטמוטיקער און פריילאכער שטימונג.

דער בעל שם טוב קריגט אסך טויזנטער אָנהענגער. אָט די אָנהענגער האָבן זיך גערופן חסידים.

פאר די און אויך אנדערע פונקטן זע:

ש.צ. זעצער, רב ישראל בעל שם טוב. 1-טער באנד; 2-טער באנד, זייטן 98-134

יידישע ענציקלאָפּעדיע (אין ענגליש). 2-טער באנד, זייטן 382-386

ש. ראָזענפעלד, יידישע געשיכטע. 2-טער טייל, זייטן 215-229

ש. דובנאָוו, יידישע געשיכטע פאר שול און פאָלק. 3-טער באנד, זייטן 216-220

דר.ש.א. האָראָדעצקי, חסידיזם. זייטן 14-28

דערציילישער מאטעריאל פאר קינדער אין ענגליש:

ש. באסטאמסקי, יידישע לעגענדעס. 1-טער באנד

בעטי קאלישער, „וואטשמען און די נייט". זייטן 136-147

דבורה פעסין, „מאָדערן דזשואיש פוירסאָנאליטיס". זייטן 32-38

לעווינדזיטער, „די גרייט דזשום סינס בייבל טיימס". זייטן 112-117

דער ווילנער גאון (1720-1797)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די ייִדן אין ליטע לעבט זיך אין יענער צייט ניט בעסער ווי זייערע ברידער אין פוילן. די שרעקלאכע יאָרן פון 1648 – 1658 האבן איבערגעלאָזט נאָך זיך טיפע שפורן וועלכע האָבן זיך געלאָזט פילן א לאנגע צייט נאָך דעם ווי די מלחמות זיינען אריבער. דער מצב פון די ייִדן ביים זיך צום בעסערן אונטער קעניג יאן סאָביעסקי (1674 – 1696). די ייִדישע קהלות ווערן צוריק אויפגעריכט, אָבער בלויז אויף א קורצע צייט. דער מסחר הויבט אָן פאלן און די ערשטע דאָס צו דערפילן זיינען די ייִדן. אזוי האלט עס אָן ביז דער צווייטער צעטיילונג פון פוילן (1793) ווען ליטע פאלט ארונטער אונטער רוסלאנד. דאָ, אין דער ליטע, זיינען ישיבות מער פארשפרייט, ווי אין דרום רוסלאנד, און פון זיי קומען ארויס גרויסע תלמודיסטן, רבנים און מנהיגי הדור. דער פירער פון דעם רבנישן אידנטום אין יענער צייט איז געווען הגאון אליהו בן שלמה זלמן, באקאנט אונטער דעם נאָמען דער ווילנער גאון.

אייניקע פונקטן פון דעם גאונס לעבן.

דער ווילנער גאון (ר' אליהו בן שלמה זלמן) איז געבוירן געוואָרן אין ווילנע אין יאָר 1720. נאָך אלס קינד צייגט אליהו ארויס זעלטענע גאונות אין לערנען. ער לערנט זיך בא גאָר גרויסע רבנים. שפעטער לערנט ער אליין. צוליב זיין גאונישן וויסן ווערט ער שנעל באקאנט איבער דער גארער רבנישער וועלט, און גרויסע רבנים ווענדן זיך צו אים מיט שאלות ותשובות. אין ווילנע שלאָגט מען דעם גאון פאָר אָנצונעמען כסא הרבנות, אָבער ער נעמט דעם אמט ניט אָן. ער פירט אן אָפגעזינדערט לעבן און בלויז פון צייט צו צייט לערנט ער מיט אייניקע אויסדערוויילטע אין זיין בית המדרש. ער פארלאָזט ווילנע אויף א לענגערע צייט און פאָרט ארום אפריכטן גלות. ער וואנדערט אזוי פון שטאָט צו שטאָט אין פוילן און אין דייטשלאנד ביז ער קומט צוריק קיין ווילנע. כאָטש ער האָט ניט קיין אָפיציעלן אמט אין דעם ייִדישן עפענטלאכן קהלה לעבן, פונ-

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

דעמטװעגן שטײט ער בראש פון די ליטװישע רבנים און האָט אויף זײ אַן אומגעהײער גרויסע װירקונג. צוליב דעם לערנען זאָגט ער זיך אָפּ פון אַלע תענוגים פון דער װעלט. ער לאָזט זיך פאָרן קײן ארץ ישראל, אָבער אין װעג באַשליסט ער זיך אומצוקערן צוריק קײן װילנע. ער שרײַבט זײער פיל װעגן דער משנה און דעם תלמוד, װעגן הלכה און אגדה, װי אויך װעגן גראַמאַטיק, מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע, ער דערלויבט אָבער ניט אַז עפּעס װאָס פון זײַנע אַרבעטן זאָל געדרוקט װערן בײַ זײַן לעבן.

נאָך פּונקטן פון זײַן לעבן. (לויט דער לעגענדע).

צו זעקס און אַ האַלב יאָר זאָגט דער גאון אַ שיעור אין דער גרויסער שול, אין װילנע, און די אַנװעזנדע גרויסע רבנים װערן נשתומם פון זײַן גאונות. ער קען שוין דאַן אַסך מסכתות אויף אויסװײניק. צו זיבן יאָר לערנט דער גאון בײַם באַרימטן רב פון קײדאַן, הרב משה מרגלית. צו צען יאָר לערנט ער שוין אַלײן אָן דער הילף פון אַ לערער. צו צװאַנציק יאָר פלעגט ער ענטפערן אויף שאלות װאָס די מערסטע רבנים פון דער װעלט פלעגן אים שיקן. מע פלעגט אויף אים זאָגן אַז ער האָט געקאָנט גאַנץ תלמוד אויף אויסװײניק.

דער װילנער גאון און דאָס לערנען תורה.

צו דרײַצן יאָר װערט דער גאון אַ פרוש. ער זינדערט זיך אָפּ פון דער װעלט און פאַרברײַנגט די גאַנצע צײַט אין לערנען תורה. נאָך דעם װי ער װאַנדערט אַרום אין פאַרשידענע שטעט (אָפּריכטנדיק גלות) קומט ער צוריק קײן װילנע. ער זאָגט זיך אָפּ אָנצונעמען רבנות װײַל ער װיל ניט אויסנוצן די תורה אַלס אַ קרדום לחפור. ער באַזעצט זיך אין בית המדרש װאו ער לערנט טאָג און נאַכט. ער עסט װײניק, שלאָפט װײניק. בלויז פון צײַט צו צײַט טרעפט ער זיך מיט אײניקע לומדים און זאָגט פאַר זײ אַ שיעור.

אײנמאָל קומט קײן װילנע דעם גאונ'ס שװעסטער. שוין יאָרן אַז זי האָט אים ניט געזען, לאָזט זי זיך גײן צו אים אין בית המדרש אַרײַן. ענדלאַך לאָזט מען זי צו און זי קומט אַרײַן צו אים. דער גאון הויבט אויף דעם טלית פון קאָפּ, קערט זיך אום מיט'ן פנים צו זײַן שװעסטער און זאָגט: „אויף יענער װעלט װעלן מיר האָבן גענוג צײַט אויף צו זען זיך. דאָ אָבער דאַרף איך די צײַט

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

פון לערנען וועגן".

<u>דער ווילנער גאון און דער פראפעסאר פון אסטראנאמיע.</u>

דער גאון פארענדיקט אפריכטן גלות אין דער שטאט ליסא. שפעטער קומט ער אן קיין בערלין. א בערלינער ייִדישער גביר גייט ארויס אים מקבל פנים זיין און פארבעט אים צו זיך אהיים. אסך ייִדישע לומדים און חשוב׳ע לייט קומען צום גביר אין הויז אריין מקבל פנים צו זיין דעם גאון. א גוי־אישער פראפעסאר פון אסטראנאמיע, וועלכער וואוינט ניט ווייט פון דעם גביר׳ס הויז דערוויסט זיך פון דעם גאון און וויל אים זען.

שבת נאך הבדלה נעמט דער גאון אויף דעם פראפעסאר און פארברענגט מיט אים אין א געשפרעך, דער גאון צייגט ארויס גרויסע קענטעניש אין מא־טעמאטיק און אין אסטראנאמיע. דער גאון רעדט העברעאיש און דער מליץ, וועלכער איז דא דערביי, גיט דעם פראפעסאר איבער אלעס וואס דער גאון זאגט. ווען דער גאון געפינט פאר נייטיק קלארער צו מאכן אן ענין, מאלט ער אויס אויף פאפיר פארשידענע צייכנס, וועלכע האבן צו טאן מיט דעם שמועס איבער אסטראנאמיע. דער פראפעסאר איז אנטציקט פון דעם גאונ׳ס קענטעניש.

<u>דער גאון און דער שמש.</u>

אזוי ווי קיין רבנות שטעלע האט דער גאון ניט געוואלט אננעמען, האט די שטאטישע קהלה באשטימט פאר אים א קליינעם וועכנטלאכן געהאלט. דעם גע־האלט פלעגט די קהלה צושיקן דורכ׳ן שמש צו דעם גאונ׳ס ווייב. איז אוועק א צייט און דער שמש האט אנגעהויבן ארונטערנעמען דעם געהאלט פאר זיך, און דעם גאונ׳ס ווייב גארניט ניט געגעבן. דער גאון וויל אבער ניט איבערגעבן דער קהלה אז ער דערהאלט ניט זיין וועכנטלאכן געהאלט, ווייל ער האט מורא טאמער וועט די קהלה אויסגעפינען די אורזאכע און אפזאגן דעם שמש פון דער שטעלע. ער באשליסט בעסער צו הונגערן, און זיין געטרייער ווייב עצה׳ט ער אז זי און די קינדערלאך זאלן אריינגיין צו די שכנים. אזוי ווי עס געשיקט זיך אז ווען קינדער זעען אז מע דערלאנגט צום טיש בעטן זיי עסן, וועט מען זיי זיכער געבן עסן.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

אין א צייט ארום ווערט דער שמש קראנק און האלט באם שטארבן. ערשט דאן איז זיך דער שמש מודה אז ער האט געגנב'עט דעם גאונ'ס וועכנטלאכן געהאלט.

<u>פון דעם גאונ'ס לעצטע טעג.</u>

אין יאר 1797, ערב יום כפור, ווערט דער גאון שטארק קראנק. ער שיקט נאך זיינע קינדער און אייניקלאך. זיי קומען צו אים און ער בענטשט זיי. דעם דריטן טאג חול המועד סוכות בעט דער גאון מע זאל אים דערלאנגען דעם אתרוג און לולב וויל ער וויל מקיים זיין די מצוה פון אתרוג בענטשן. דער גאון שטארבט בענטשנדיק אתרוג.

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, "יידישע געשיכטע (אין ענגליש). באנד 5, זייטן 389-394
"יידישע ענציקלאפעדיע. באנד 5, זייטן 133-135
ש. ראזענפעלד, "יידישע געשיכטע. באנד 2, זייטן 230-234
לואיס גינזבערג, „די גאאן ר. אלייזשע ווילנע". ניו יארק, 1920
ספר שבחי מהגאון מווילנא, ווארשע תרפ"ז

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

לוי יצחק (בן מאיר) בערדיטשעווער (1740-1809)

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

יענע צייטן האבן פאר זיך געזען די דריי צעטיילונגען פון פוילן (1772, 1793, 1795). די טענדענץ פון דער רוסישער רעגירונג איז געווען ניט צו דערלאזן אז די יידן פון פוילן זאלן זיך פארשפרייטן איבער אנדערע טיילן פון רוסלאנד. דערפון די פאליסי פון דעם תחום המושב. אבער אויך אין דעם תחום המושב האט די רוסישע רעגירונג געזוכט צו באגרעניצן די עקאנאמישע מעגלאכקייטן פון די פוילישע יידן. יידן האבן געמוזט צאלן צינזן 2 מאל אזוי פיל ווי די קריסטן. אונטער דעם קעניג פאוועל I ווערן די יידן באשולדיקט אין דער ביטערער לאגע פון דעם פארשקלאפטן פויער. יידן ווערט אויך שטרענג פארבאטן צו האלטן קריסטלאכע באדינער. די טענדענץ איז אויך צו פארניכטן וואס עס איז נאך געבליבן פון דער יידישער אויטאנאמיע און ביסלאכווייז אסימילירן די יידישע באפעלקערונג. אין יענער צייט ווערן יידן געצוואונגען אנצונעמען פאמיליענעמען. אונטער אלעקסאנדער דעם בטן ווערט ארויסגעגעבן דאס געזעץ וואס באגרעניצט די וואוינרעכט פון די יידן אין רוסלאנד באשטימענדיק דרייצן גובערניעס אין וועלכע יידן ווערט דערלויבט צו וואוינען. הונדערטער טויזנטער יידן ווערן אפגעשניטן פון מעגלאכקייטן צו קריגן פרנסה. די יידן ווערן אויך ארויסגעטריבן פון אסך דערפער. אין די שטעט און שטעטלאך הערשט ארימקייט. די יידן און איבערהויפט די יידישע הערעפאשנע מאסן ראנגלען זיך מיט דער ארימקייט און נויט אונטער די שווערע גזירות פון דער צארישער רעגירונג. דאס זיינען אויך געווען די צייטן פון קאמף פאר און קעגן דעם חסידיזם.

אייניקע פאקטן פון לוי-יצחקס לעבן.

לוי יצחק בערדיטשעווער (בארדיטשעווער) איז געבוירן געווארן אין דעם שטעטל הוסקאוו, גאליציען, וואו זיין פאטער ר' מאיר איז געווען רב. דער קליינער לוי-יצחק לערנט זיך פריער בא א מלמד; שפעטער לערנט מיט אים זיין פאטער. מיט זיין וויסן ווי אויך מיט זיין גרויסן זכרון איבערראשט ער פיל לומדים אין יענער צייט. נאך אלס יונגערמאן ווערט ער רב אין זשעליכאוו, דערנאך אין פינסק. אין פינסק דערגייט מען אז ער איז א חסיד און מע נעמט בא אים צו דאס רבנות.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

שפעטער ווערט ער רב אין דער שטאָט בערדיטשעוו (וואלין), וואו די מערהייט יידן אין דער קהילה זיינען אליין חסידים. אליין א תלמיד פון ר׳ בער מעזריטשער („דער מגיד") ווערט ער דא וואָרעם אויפגענומען און שפּילט די ראָלע פון א גוטן ייד. אדאנק זיין גרויסער עניוות און זיין אמת׳ער ליבע צום פאָלקס-מענטשן, צו דעם פשוט׳ן בעל מלאכה, דעם יגיע כפיים ווי אויך אדאנק זיין שטענדיקן מלמד זכות זיין אויף אלע יידן, אפילו אויף דעם גרעסטן חוטא, ווערט לוי יצחק באַרימט און געאַכטעט ווייט אויסער די גרעניצן פון וואלין און פוילן. לוי יצחק באַזיצט א טאלאַנט צו לידער. בא זיין טיש איז שטענדיק פריילאך. טוט ער תפלה צו גאָט טענה׳ט ער זיך אויך אויס מיט אים ווי א געטרייער זון מיט זיין פאָטער און פארפעלט קיינמאָל ניט מגין צו זיין ווי אויך מלמד זכות צו זיין אויף די יידן.

<u>לוי יצחק און דאָס יינגעלע.</u>

לוי יצחק גייט אין גאַס און באַגעגנט א יידיש יינגעלע וועלכער איילט זיך אין שול אריין זאָגן קדיש. לוי יצחק פארהאַלט דאָס יינגעלע, פארפירט מיט אים א שמועס און זאָגט אים אויך צו גוטע זאַכן אויב ער וועט ניט גיין אין שול אַריין דאַווענען. דאָס יינגעלע רייסט זיך אָבער אויס פון לוי יצחק׳ן און לויפט שנעל אַוועק אין שול זאָגן קדיש.

און ווי אן אמת׳ער זיגער שטעלט זיך לוי יצחק אַוועק און ווענדט זיך צו גאָט זאָגנדיק: „נו, רבונו של עולם, זעסט וואָס פאר א פאָלק דו האָסט?"

<u>לוי יצחק און די אָרימע טרעגער.</u>

אין א פרייטיק אינדערפרי שטייט לוי יצחק אויף, טוט זיך איבער אז קיינער זאָל אים ניט דערקענען און לאָזט זיך גיין אין מארק אריין, צום פלאַץ וואו די בעלי עגלות און די טרעגער שטייען געווײנטלאך, ארויסקוקנדיק אויף א פאַרדינסט. מיט זיך טראָגט לוי יצחק פרישע חלה, בראָנפן און א פולן טעלער מיט פיש. אָט דאָס אלעס טראָגט ער אונטער די טרעגער און בעלי-עגלות און זאָגט: „נאָט, יידן, עסט אָנבייסן". די אָרימע יידן זיינען הונגעריק און ווילן נעבאך עסן. קיינער רירט זיך אָבער ניט צו צו די מאכלים. „א דאנק, רב ייד", ענטפערן זיי, „מיר האָבן נאָך ניט געדאַוונט". „נו, רבונו של עולם", רופט אויס לוי יצחק א צופרידענער, „וואו האָסט נאָך אזא שיין פאָלק ווי יידן?"

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

לוי יצחק און דער ייִדישער בעל־עגלה.

לוי יצחק זעט אמאָל ווי א בעל עגלה שטייט אין טלית און תפילין און שמירט די רעדער פון דעם וואָגן. לוי יצחק הויבט אויף די הענט צום הימל און רופט אויס: „רבונו של עולם, זע נאָר וואָס פאר א הייליק פאָלק דו האסט. אפילו ווען זיי שמירן די רעדער גייען זיי אויך אָנגעטאָן אין טלית און תפילין.”

לוי יצחק טענה׳ט זיך אוים מיט גאָט.

„רבונו של עולם”, האָט אמאָל לוי יצחק געזאָגט, „פארוואָס זאָלסטו זיך ניט פירן ווי א געוויינטלאכער ייִדישער בעל־הבית”? איך האָב געזען ווי א פשוט׳ער בעל הבית האָט אמאָל אראָפגעלאָזט דעם תפילין של ראש, האָט ער זיך אָנגעבויגן אויף דער ערד, אים אויפגעהויבן און א קוש געטאָן. און דו זעסט ווי מע טרעט אויף די ייִדן און מע איז זיי מבזה און דו הייבסט זיי ניט אויף (פון זייער שלעכטער לאגע).

לוי יצחק דער גרויסער עניו.

לוי יצחק בערדיטשעווער איז געווען א געלערנטער מענטש און האָט אויך פארפאסט ספרים. הונדערטער טויזנטער ייִדן האָבן געאכטעט לוי יצחק׳ן. זיי האָבן אים באטראכט אלס זייער פירער און טייער געהאלטן זיין נאָמען. גדלות און נאָכלויפן נאָך כבוד זיינען געווען פון יענע זאכן וועלכע זיינען אים לחלוטין פרעמד געווען. ער אליין האָט וועגן זיך אמאָל געזאָגט: „ווי איז צום דור אז איך בין זיין מנהיג”.

פאר די און נאָך אנדערע פונקטן זע:

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). באנד 5

ייִדישע ענציקלאפעדיע (ענגליש)

א. ליטווין, ייִדישע נשמות. ב־טער באנד, פארלאג פאָלקס בילדונג, נ.י. 1916, זייטן ב־13

ספר נפלאות קדושת לוי, ווארשע תרע״א, זייטן ב־י״ד

ספר נפלאות בית לוי, פיעטראָקאָוו תרע״א זייטן ג־מ״ז.

מ ש ה מ ע נ ד ע ל ס אָ ן (1786-1729)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

דאָס רוב ייִדן אין דייטשלאנד וואוינט אין קלענערע שטעט און שטעטלאך. די ייִדן ווערן גערעכנט אלס „הויף קנעכט". זיי האָבן נים קיין רעכט פון אמת'ע בירגער, דאָך מוזן זיי צאָלן הויכע שטייערן און אפילו ספעציעלע שטייערן. דער האס צו ייִדן איז זייער גרויס. סיי סוחרים, סיי ארבעטער באַציִען זיך צו די ייִדן ווי צו שונאים, שפּאָטן אָפּ פון זיי און דערלויבן זיך אפילו צו מאכן איי־בערפאלן אויף דער געטאָ (קוואַרטאלן וואו די ייִדן וואוינען). אין בערלין, דער הויפּטשטאָט פון פּרייסן, געפינט זיך א קליינע ייִדישע קהלה, וועלכע באשטייט פון פארמעגלאכע און רייכע סוחרים. קיין אָרימע ייִדן פון אנדערע שטעט לאָזט מען קיין בערלין ניט אריין. אין 1743 קומט קיין בערלין אָן צופוס דער 14-יאָריקער משה מענדעלסאָן.

איינִיקע פאקטן פון משה מענדעלסאָנס לעבן.

משה מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין דעם שטעטל דעסוי. זיין פאָטער איז א סוחר, שרייבט ספר תורות, תפילין, מזוזות. ער איז עס טאקע משה'ס ערשטער רבי. שפּעטער לערנט משה בא דעם רב פון דעסוי (ר' דוד פרענקל). משה צייכנט זיך אוים מיט גאָר גרויסע פייאיקייטן. צו צען יאָר שרייבט ער לידער. דער רב פאָרט אריבער קיין בערלין און באזעצט זיך דאָרט. אין א קורצער צייט ארום קומט משה אָן קיין בערלין. דאָרט לערנט ער אין זיין רבינ'ס ישיבה.

משה האָט א שיינע האנטשריפט, און דער רבי לאָזט אים איבערשרייבן זיינע ווערק. משה לערנט זיך זייער פלייסיק. ער לערנט אויך דייטש, מאטעמאטיק, פילאָזאָפיע און שפּעטער אויך פראנצויזיש און ענגליש.

א ייִדישער פאבריקאנט נעמט משה'ן אריין צו זיך אלס לערער פאר זיינע קינדער. משה לערנט די קינדער און לערנט אליין. (שפּעטער ווערט ער בוכהאל־טער אין דעם געשעפט און נאָך שפּעטער א שותף).

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

משה באקאנט זיך מיט דעם גרויסן דייטשן שרייבער, לעסינג, און צווישן זיי אנטוויקלט זיך אן אמת'ע פריינטשאפט. דורך לעסינגן ווערט ער באקאנט מיט א סך גרויסע דייטשע שרייבער און דענקער. משה מענדעלסאָן שרייבט אסך ביכער אין דייטש, צווישן זיי טיפע ווערק, וועלכע ווערן באוואונדערט פון די ניט־יידישע גע־לערנטע. צוליב זיין חכמה און זיינע טיפע ווערק ווערט ער אין גיכן באקאנט אלס דער יידישער סאָקראטוס.

מענדעלסאָן האָט חתונה. צו אים אין הויז קומען אריין גרויסע גע־לערנטע, שרייבער און שטאטסלייט. זיינע יידישע פריינט באוואונדערן אים און געבן אים אָפּ אסך כבוד. מענדעלסאָן הויבט אן טראכטן וועגן דערציען זיינע קינדער און פארטראכט זיך אויך וועגן דעם ווי אזוי דאַרף מען דערציען אלע יידישע קינדער. צוזאמען מיט נאך יידישע געלערנטע (זיינע אנהענגער) באשליסט ער אז מ'דארף בויען פרייע יידישע שולן וואו יידישע קינדער זאלן לערנען ניט בלויז חומש און גמרא, נאָר די העברייאישע שפראך און ניט בלויז העברייאיש נאָר אויך דייטש – די שפראך פון לאנד, אריטמעטיק, געשיכטע, נאטור געשיכטע, געאָגראפיע און אויסוואקסן פרייע און געבילדעטע מענטשן.

<u>בא דעם זעלבן טויער פון דער זעלבער שטאָט.</u>

דער פערצניאָריקער משה שטייט באם טויער פון דער שטאָט בערלין און בעט מע זאל אים אריינלאָזן. די וועכטער שפּאָטן אָפּ פון דעם קליינעם ארימען יידישן יינגל און פרעגן אים צי ער האָט גענוג געלט צום לעבן אין בערלין. משה דערציילט זיי אז ער קומט ערשט צופוס פון דעסוי און גייט קיין בערלין צו זיין רבי'ן ר' דוד פרענקל, וועלבער וואַרט אויף אים. דאס בעטן העלפט ניט. ערשט ווען משה זאָגט זיי אז ער האָט א שיינע האנטשריפט און וועט ארבעטן באם רבי'ן, לאָזן זיי אים אריין.

אין צוואנציק יאָר ארום קומט אָן פון פוילן א יונגער יידישער געלערנ־טער אנגעטאָן אָרעם, כמעט ווי א בעטלער, און בעט מע זאל אים אריינלאָזן אין שטאָט. אָבער די וועכטער לאכן פון אים און הייסן אים גיין צוריק קיין פוילן. ערשט ווען דער מאן (שלמה מיימון) דערקלערט זיי אז ער גייט צו משה מענדעלסאָ־נען און ווייזט זיי א בריוו פון אים, לאָזן זיי אים אריין מיט גרויס כבוד.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ענגליש). 5-טער באנד, זייטן 290-373

ה. גרעץ, ייִדישע געשיכטע (אין ייִדיש). 4-טער באנד, זייטן 126-159

ש. ראָזענפעלד, ייִדישע געשיכטע. 2-טער טייל, זייטן 105-119

ש. דובנאָוו, ייִדישע געשיכטע. 3-טער טייל, זייטן 203-210

<u>מאטעריאל אין ענגליש פאר קינדער:</u>

בעטי קאלישער, „וואטשמען און די נייט". זייטן 147-156

לעווינדזשער, „די גרייט דזשוס סינס ביבל טיימס". זייטן 117-122

דבורה פעסין, „מאָדערן דזשואיש פוירסאָנאליטיס"

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]

חיים סאלאמאן (1785-1740)

היסטארישער הינטערגרונט:

פאלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

ייִדן וואוינען דאן אין אמעריקע (אין די קאלאניעס) שוין מער ווי הונדערט יאר. די קאלאניעס מאכן אן אויפשטאנד קעגן ענגלאנד און קעמפן פאר זעלבסטשטענדיקייט. די קאלאניעס שאפן א רעגירונג, און דזשארדזש וואשינגטאן ווערט דער אנפירער פון דער ארמיי. פיל ייִדן טרעטן אריין אין דער ארמיי און קעמפן אויס די פרייהייט און זעלבשטענדיקייט פון די קאלאניעס. כדי אויסצוהאלטן די ארמיי נייטיקט זיך די רעגירונג אין אסך געלט. פיל רייכע ייִדן העלפן דער רעגירונג מיט געלט (למשל: פיליפ מינים - פון דזשארדזשיא: יצחק מאזעס פון פילאדעלפיע, א.א.) נאר, מער ווי יעדער איינער פון זיי העלפט דער רעגירונג חיים סאלאמאן.

איניקע פאקטן פון חיים סאלאמאנ'ס לעבן.

חיים סאלאמאן איז געבוירן געווארן אין פוילן בא ניט קיין רייכע עלטערן. סאלאמאן קריגט א ייִדישע דערציאונג און לערנט אויך פרעמדע שפראכן. אין 1772 קומט סאלאמאן אן קיין ניו-יארק. אין א צייט ארום ווערט ער א באנקיר. ער ווערט זייער נאענט באפריינדעט מיט פילע גרויסע פערזענלאכקייטן פון דער אמעריקאנער רעוואלוציע. סאלאמאן ווערט פון פיל געאכטעט און געליבט. דער רעגירונג און אפילו צו איניקע מיטגלידער פון דער רעגירונג אנטלייט ער געלט און זאגט זיך אפ צו נעמען וועלכע ניט איז באלוינונג. נאך דער רעוואליוציע באזעצט זיך סאלאמאן מיט זיין פרוי און קינדער אין פילאדעלפיע.

די רעגירונג איז נאך אלץ ארעם און קען אים ניט אפצאלן דעם חוב. פיל גרויסע רעגירונגס מענטשן (וואשינגטאן, מעדיסאן, א.א.) האבן סאלאמאנען זייער ליב און לויבן אים זייער. סאלאמאן שטארבט אין פילאדעלפיע.

.. .. ..

אין 1850 דערקלערט דער אמעריקאנער קאנגרעס אז חיים סאלאמאן איז

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

געוועז איינער פון די בעסטע און איבערגעגעבנסטע פריינט פון דעם לאנד. די פוילישע יידן אין אמעריקע פלאנעווען אויפצושטעלן א מאנומענט צו חיים סאלאָ־מאָן אין לינקאָלן פארק, נ.י.

חיים סאלאָמאָן אנטלויפט פון געפאנגשאפט.

די ענגלענדער פארכאפן די שטאָט ניו־יאָרק, און סאלאָמאָן פאלט אריין אין די הענט פון דער ענגלישער ארמיי. צוליב זיין קענטעניש פון שפראכן מאכט מען אים פאר אן איבערזעצער. סאלאָמאָן העלפט פיל געפאנגענע אָפיצירן און סאלדאטן אנטלויפן צוריק צו וואשינגטאָנס ארמיי. סאלאָמאָן אנטלויפט קיין פילאדעלפיע צו העלפן וואשינגטאָנס ארמיי.

פאר די און אנדערע פונקטן זע:

פ. ווערניק, געשיכטע פון די יידן אין אמעריקע, קאפיטלאך 12-13

יידישע ענציקלאָפעדיע (זע ח. סאלאָמאָן). באנד 10, זייטן 653-654

אדאמס, „א סקעטש או חיים סאלאָמאָן"(אין ענגליש). 2-טער באנד, זייטן 5-20

ל. לעווינדזשער, „א היסטאָרי או די דזשוס אין די י.עס", זייטן 119-127

ליען מאטעריאל פאר קינדער:

ל. לעווינדזשער, „גרייט דזשוס סינס ביבל טיימס". זייטן 122-126

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

עמנואל נח (1785-1851)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס היסטאָרישער הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין אלע שטאטן, אויסער דעם שטאט מערילאנד, האָבן די ייִדן אין אמעריקע גלייכע רעכט מיט אלע אנדערע אמעריקאנער. ייִדן פאַרנעמען זיך מיט פאַרשידענע מלאכות איבערהויפּט מסחר. איניקע רייכע ייִדן באַטרייבן שיפן און האַנדלען מיט פרעמדע לענדער. ייִדן פאַרנעמען אויך קלענערע און העכערע שטעלעס בא דער רעגירונג. דער ערשטער ייד צו זיין אַן אמעריקאנער קאָנסול איז געווען — עמנואל נח.

איניקע פאַקטן פון עמנואל נח'ס לעבן.

עמנואל איז געבוירן געוואָרן בא מער ווייניקער פאַרמעגלאכע עלטערן. זיין פאָטער איז געווען א סאָלדאט אין וואַשינגטאָנס אַרמיי. (ס'איז דאָ א מיינונג אז דזש. וואַשינגטאָן איז געווען צווישן די געסט אויף עמנואל'ס פאָטערס חתונה).

צו 4 יאָר ווערט עמנואל א יתום. זיין זיידע נעמט אים צו זיך אין הויז. דער קליינער עמנואל האָט ליב צו מייסטערווען: שניצן, מאָלן א.א. און טרוימט צו ווערן א שרייבער.

צו 15 יאָר ווערט ער א רעפּאָרטער אין א צייטונג און צו 25 יאָר דער רעדאַקטאָר פון א צייטונג („די סיטי גאַזעט").

עמנואל שרייבט אויך ביכער און דראמעס וועלכע ווערן אויפגעפירט אין טעאַטער. ער ווערט אויך אויסגעקליבן אין ניו-יאָרק אלס שעריף און אין א צייט ארום אלס ריכטער.

פרעזידענט מאַנראָ באַשטימט אים אלס קאָנסול קיין טוניס. זייענדיק אין פאַרשידענע לענדער קוקט זיך עמנואל נח צו צום לעבן פון די ייִדן און עס דערוועקט זיך בא אים א פּלאַן צו גרינדן א ייִדישן שטאַט אין אמעריקע. ער לאָזט ארויס א רוף צו ייִדן פון דער גאַנצער וועלט צו קומען אהער און דאָ גרינדן אַן אייגענע ייִדישע רעגירונג.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

מיט א גרויסער צערעמאָניע פירט ער דורך די פייערונג פון לייגן דעם פונדאמענט פון א יידישן שטאט אויף אן אינזל לעבן באפאלא.

שפּעטער ווערט ער אנטוישט אין זיין פלאן און רופט די יידן אויפצו-בויען ארץ ישראל אלס א יידיש לאנד.

עמנואלס גוטע נאטור.

א) עמנואל נח שרייבט פיעסן. זיינע א פיעסע ווערט מיט-דערפאָלג געש-פילט אין א טעאטער. דאס טעאטער ברענט אפּ און די אקטיארן בלייבן אן ברויט. עמנואל נח גיט אוועק זיינע פארדינסטן פאר זיין פיעסע צו די אקטיארן.

ב) עמנואל ווערט אויסגעקליבן שעריף. דער פריערדיקער שעריף וועמעס פלאץ ער האט פארנומען שטארבט און עמנואל נח גיט אוועק זיין געהאלט צו דער אלמנה פון זיין פארשטארבענעם פארגענגער.

פאר די און נאך אנדערע פונקטן זע:

פרץ ווערניק, די געשיכטע פון די יידן אין אמעריקע

אידישע ענציקלאָפּעדיע (זע נח עמנואל)

לייען מאטעריאל פאר קינדער:

בעטי קאלישער, „וואַטשמען און די נייט", זייטן 169-176

דבורה פעסין, „מאדערן דזשואיש פּיאָנערס"(?) ... , זייטן 67-71

לעווינדזשער, „גרייט דזשוס סינס בייבל טיימס", זייטן 126-130

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]

[illegible]

[illegible]
[illegible]
[illegible]

קאַפּיטאַן דרייפוס (1859-1935)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

פאָלגנדע פונקטן קענען דינען אלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

אין יענע צייטן וואַקסט דער האַס צו די ייִדן אין פראַנקרייך. פון דער פאַרהעלטניסמעסיק קנאַפער צאָל ייִדן אין פראַנקרייך (100,000 ייִדן אין יאָר 1880) לעבן ארום זעכציק טויזנט אין דער מעטראָפּאָליע און דער רעשט אין די קאָלאָניעס. די מערסטע ייִדן פאַרנעמען זיך מיט קליין האַנדל און פאַרשיידענע מלאכות, און גאָר א קנאַפּע צאָל ייִדן זיינען פאַרמעגלאַכע און רייכע סוחרים און באַנקירן. די ייִדישע שונאים קענען ניט פאַרטראָגן וואָס די ייִדן זיינען גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון לאַנד און ווערן צוגעלאָזן צו הויכע שטעלעס אין דער רעגירונג. די קנאה צו ייִדן פאַרשטאַרקט נאָך מער דעם האַס צו זיי און די שונאים פאַרשפּרייטן זלזולים אז „דער ייִד איז דער שונא פון לאַנד". מע טראַכט אויך אויס בלבולים אז די ייִדישע אָפיצערן אין דער פראַנצויזישער אַרמיי זיינען שפּיאָנען און פאַרראַטן דאָס פאָטערלאַנד. דער ייִדישער קאַפּיטאַן דרייפוס פאַלט א קרבן פון אזעלכע בלבולים.

אייניקע פונקטן פון זיין לעבן.

קאַפּיטאַן דרייפוס איז געבוירן געוואָרן אין עלזאַס בא פאַרמעגלאַכע ייִדישע עלטערן. ער לערנט זיך אין א מיליטערישער שול און טרעט אריין אין דער אַרמיי. דאָרט צייכנט ער זיך אויס און קריגט דעם טיטל קאַפּיטאַן. שפּעטער זעצט ער פאָר זיין שטודיום און א דאַנק זיין אויסגעצייכנטן לערנען ווערט ער אריינגענומען אין דעם גענעראַל שטאַב פון דער פראַנצויזישער אַרמיי.

אינגיכן פאַלט ער א קרבן פון דעם ייִדן-האַס מיט וועלכן די מיליטערישע קרייזן זיינען אָנגעשטעקט. מע טראַכט אויף אים אויס א בלבול אז ער האָט ארויסגעגעבן געהיימע פּלענער פון דער פראַנצויזישער רעגירונג צו א פיינדלאַכער מלוכה און דערמיט פאַרראַטן פראַנקרייך.

דאָס געריכט פאַרמשפּט דרייפוסן און ער ווערט פאַרשיקט אויפן טייפל אינדזל. זיין ווייב וויל מיט אים מיטפאָרן, אָבער די רעגירונג דערלויבט איר

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ניט.

אין אנגסטן, פיין און אין שווערער ארבעט אונטער שרעקלאכע אומשטענדן פארברענגט דרייפוס יאָרן אויפ'ן טייפלס אינדזל.

ס'איז קלאָר אז דרייפוס איז א קרבן פון יידן האס וועלכער ווערט פאר־שפּרייט אין לאנד. ליבעראל דענקענדע שטאטסלייט און שרייבער צווישן זיי דער גרויסער שרייבער עמיל זאָלא, הויבן אויף א שטורעם פון פּראָטעסטן.

דרייפוס ווערט ווידעראמאָל געשטעלט פאר'ן געריכט אין יאָר 1900 און ווערט ווידער פאר'משפט צו 10 יאָר. אינגיכן ווערט ער אָבער באפרייט דורך אמנעסטיע.

דער אמת שווימט שפּעטער ארויף ווי בוימל אויפ'ן וואסער און דרייפוס ווערט אינגאנצן ריינגעוואשן פון דער שווערער קלאגע.

דרייפוס אויפ'ן טייפל אינדזל.

דרייפוס לעבט אויפ'ן טייפל אינדזל אונטער שווידערלאכע אומשטענדן. די גרויסע היץ אין יענעם געגנט, די שלעכטע שפּייז וואָס ער קריגט, די שווערע און שמוציקע ארבעט וועלכע ער איז געצוואונגען צו טאָן, די אומריינע לופט אין דער תפיסה וועלכע איז פול מיט שרצים, ווערים און אינסעקטן - קענען פאָרט ניט אונטערגראָבן זיין בטחון אז דער אמת וועט ענדלאך זיגן און אז ער, דער אומשולדיקער, וועט ענדלאך באפרייט ווערן.

דרייפוס פארברענגט זיין פרייע צייט אין לייענען און שטודירן. ער לערנט ענגליש; ער שטודירט אפילו מאטעמאטיק. דרייפוס פירט אויך א טאָג בוך. ס'קומט א צייט ווען דרייפוס פאלט אפילו אריין אין יאוש; דערפאר שעפּט ער אָבער אויך דאן זיין גלויבן און מוט פון די בריוולאך וואָס ער קריגט פון זיין געטרייער פרוי, וועלכע קעמפט אומערמידלעך פאר זיין באפרייאונג.

פאר די און אויך אנדערע פונקטן זע:

ש. דובנאָוו, די נייסטע געשיכטע פון דעם יידישן פאָלק (אין רוסיש). בערלין, 1923. 3־טער באנד, זייטן 206־226

יידישע ענציקלאָפעדיע (אין ענגליש). 4־טער באנד, זייטן 660־667

ד"ר הערצל (1860-1904)

היסטאָרישער הינטערגרונט:

אנטיסעמיטיזם פארשטארקט זיך אין אייראפא. אזמעטום אין די אייראָפּיי-אישע לענדער, באזונדערס אין דייטשלאנד, עסטרייך און פראנקרייך, פאָדערן די אנטיסעמיטן מע זאָל בא די יידן צונעמען זייערע רעכט און פריווילעגיעס אלס בירגער. אין פראנקרייך איז ערשט אריבער דער פראָצעס קעגן דעם יידן, קאפיטאן דרייפוס. די לאַגע פון די יידן אין רוסלאנד איז אַן אַן ערך ערגער. נאָך די פּאָגראָמען אין די 80-קער יאָרן, קומען די טרויעריקע בארימטע "צייטווייליקע געזעצן" (אונטער אלכסנדר דעם 3-טן), וועלכע פארווערן די יידן זיך צו באזעצן אין די דערפער, באשרענקונגען פון יידישע רעכט, טרויעריקער מצב פון די יידן אין די שטעט און שטעטלאך, שרעק טאָמער וועלן די פּאָגראָמען זיך איבער'חזר'ן - דאָס זיינען די שטריכן פון דעם יידישן לעבן אין רוסלאנד. פיל עמיגרירן אין אנדערע לענדער, נאָך מער ווילן עמיגרירן. עס אנטשטייט די פראגע: "וואוהין"?

איי ניקע פאקטן פון ד"ר הערצלס לעבן.

ד"ר הערצל איז געבוירן געוואָרן אין בודאפעסט, אונגארן אין 1860. ער קריגט ניט קיין יידישע דערציאונג און וואקסט בכלל ווייט פון יידישקייט. שטו-דירט אין ווין, עסטרייך, דאָרט דערפילט ער דעם האס צום יידן, און ער הייבט זיך אָן צו דערפילן אלס ייד. ער הויבט אָן צו שרייבן אין דייטשע צייטונגען און ווערט אין גיכן באקאנט אלס גלענצענדער שרייבער. דער פראצעס אין פראנקרייך, וועלכער פאראורטיילט דעם אומשולדיקן קאפיטאן דרייפוס, האט א גרויסע ווירקונג אויף הערצלען. ער הויבט אָן טראכטן וועגן דער יידישער לאַגע און קומט צום שלוס אז יידן דארפן האָבן אַן אייגענע מלוכה און אַן אייגן לאנד.

זע ש. דובנאָוו. 3-טער באנד. נייסטע יידישע געשיכטע

ד"ר הערצל דער שטאָלצער ייד.

נאָך אלס יונגערמאן ברענגט הערצל זיינע א דערציילונג אין א דייטשע צייטונג. דער רעדאקטאָר שלאָגט אים פאָר ער זאָל זיך אונטערשרייבן אויף דער דערציילונג מיט א פסעוודאָנים, כדי צו פארדעקן זיין יידישן נאָמען. דער שטאָל-צער הערצל ענטפערט אָבער: "איך וויל בלייבן בא מיין פאָטערס נאָמען". דער

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

רעדאקטאָר נעמט ענדלאך צו די דערציילונג און דרוקט זי אָפּ.

(זע ש. ראָזענפעלד, ייִדישע געשיכטע. 2-טער טייל, זייטן 304-305)

<u>הערצל שרייבט אויף זיין פּלאַן פון א ייִדישער מלוכה און דרוקט אים אָפּ אין א בראָשור:</u>

דער געדאַנק וועגן א ייִדישער מלוכה ווערט בא הערצלען רייפער און רייפער. ער באַשליסט זיך צו ווענדן צו די גרויסע גבירים, - און אין דער ערשטער שורה צום באַרימטן באַראָן הירש -, זיי זאָלן אים העלפן אין דעם פּלאַן. נאָר זיי זאָגן זיך אָפּ. דער פּלאַן איז פאַר זיי צו פאַנטאַסטיש.

הערצל שרייבט אויף זיין פּלאַן אין א בראָשור. אסך מענטשן לאַכן אָפּ פון דעם פּלאַן, אנדערע שפּאַטן גאָר אָפּ פון הערצלען אליין און זיינען אפילו געניגט צו מיינען אז ער איז געווירדט. הערצל ווערט אָבער ניט אנטמוטיקט. אין א קורצע צייט ארום רופט ער צונויף אן אל-ייִדישן קאָנגרעס. אין דער זעלבער צייט פאָרט ער ארום צו קעניגן, שטאַטסלייט און באַמיט זיך צו פאַראינטערעסירן זיי אין דעם פּלאַן. דער קאָנגרעס ווערט אָפּגעהאַלטן אין באַזעל אין 1897, און באַשליסט צו ארבעטן פאַר דעם אויפבוי פון אן אייגענער ייִדישער מלוכה.

(זע ש. ראָזנפעלד, ייִדישע געשיכטע. 2-טער טייל, זייטן 308-313)

<u>הערצל'ס טויט.</u>

יאָרן פון שווערער ארבעט פאַר דעם געדאַנק פון א ייִדישער מלוכה גראָבן אונטער הערצל'ס געזונט. אין היין ווערט הערצל קראַנק, און די דאָקטוירים זיינען זייער באַאומרוהיקט. ליגענדיק אין בעט געפערלאך קראַנק האָט הערצל אלץ אין זינען דעם ציוניזם און פרעגט זיך נאָך וועגן דער ארבעט און שרייבט אויך בריוו וואוהין נויטיק. הערצל דערפילט זיך פּלוצלינג זייער שלעכט. מע רופט ארוים זיינע אייגענע. הערצל בעט באַם דאָקטאָר ער זאָל אים ניט לאָזן שטאַרבן ביז זיינע קינדער און די מוטער וועלן קומען. הערצל שטאַרבט זייער יונג און זיין טויט רופט ארוים א טיפן טרויער אין דעם ייִדישן פאָלק.

הערצל'ס ארבעט ווערט ווייטער פאָרטגעזעצט פון דעם קאָנגרעס און זיינע פירער.

אין 1917 גיט די ענגלישע רעגירונג ארוים די באַלפור דעקלאַראַציע.

(זע דאָרט זייט 318)

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

<u>פאר די און אנדערע פונקטן זע:</u>

ש. דובנאָוו, די נײַסטע ייִדישע געשיכטע. 3-טער באַנד, זײַטן 290-323

ש. ראָזענפעלד, ייִדישע געשיכטע. 2-טער טײל, זײַטן 304-318

<u>לייען מאַטעריאַל פאַר קינדער:</u>

בעטי קאַלישער, „וואַטשמען און די נײַט". זײַטן 198-205

יוסף טרומפּלדור (1880-1920)

פאָלגנדע פּונקטן קענען דינען אַלס הינטערגרונט צו דער לעקציע:

די ערשטע ייִדישע פּיאָנערן אין ארץ ישראל באַגעגענען גרויסע שוועריקייטן אין זייער אַרבעט:

דער קלימאַט, שטרעקעס לאַנד וואָס איז פאַרוויסט געוואָרן, שטערונגען מצד דער מאַכט, געפאַר מצד די אַראַבער. די בראַווע שומרים היטן דאָס האָב און גוטס פון די ייִדישע קאָלאָניעס. דער אַלץ וואַקסנדער ייִדישער ישוב קעמפט מוטיק קעגן די שטרויכלונגען און פאַרשפּרייט זיך איבערן לאַנד. די נייע עליה ברענגט אַ גרויסן שטראָם פון יונגע פּיאָנערן וועלכע בויען אויף נייע קאָלאָניעס און זיינען זיך מוסר נפש פאַר דעם אויפבוי פון אַ ייִדיש היימלאַנד אין ארץ ישראל. די אַרבעטער קאָלאָניעס כפר גלעד און תל-חי צייגן די ייִדישע שונאים אַ ביישפּיל פון ייִדישער אומדערשראָקנקייט.

יוסף טרומפּלדור שטאַרבט העלדיש אין דעם מוטיקן קאַמף פאַר תל-חי.

אייניקע פאַקטן פון זיין לעבן.

יוסף טרומפּלדור איז געבוירן געוואָרן אין קאַווקאַז, (פּיאַטיגאָרסק) רוסלאַנד. זיין פאָטער האָט אַפּגעדינט אין דער רוסישער אַרמיי, און יוסף האָט געירשנט דעם קעמפעריש מוט פון זיין פאָטער.

אין זיין יוגנט באַזוכט טרומפּלדור די רוסישע שולן און טרעט אַריין אין אַ אוניווערסיטעט. אינגיכן פאַרלאָזט ער דעם אוניווערסיטעט און טרעט אַריין אין דער רוסישער אַרמיי. אין 1903 בעת דער רוסיש-יאַפּאַנעזישער מלחמה קעמפט טרומפּלדור אויפן שלאַכטפעלד, ווערט פאַרוואונדעט און פאַרלירט זיין לינקע האַנט. ער צייכנט זיך אויס מיט זיין מוט און אומדערשראָקנהייט און ווערט געהעכערט אין מיליטערישן ראַנג.

נאָך דער מלחמה, 1905, פאַראינטערעסירט ער זיך מיטן ציוניזם און ווידמעט פון דאַן אָן זיין לעבן דעם אידעאַל פון אַ ייִדיש היימלאַנד אין ארץ ישראל.

אין 1912 פאָרט ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע פריינט קיין ארץ ישראל און נעמט זיך ענטוזיאַסטיש און פלייסיק פאַר דער אַרבעט (זיין אַרבעט אין מגדל).

אין 1914 ברעכט אויס די וועלט מלחמה און ער העלפט זייער פיל דער גרינדונג פון א יידישן רעגימענט. ער ווערט פון דער ענגלישער מאכט באשטימט אלס קאפיטאן פון יענעם רעגימענט.

שפעטער אין 1917 קומט ער קיין רוסלאנד און ווידמעט זיך דער החלוץ באוועגונג. ער האלט לעקציעס, שרייבט פאמפלעטן, רייזט ארום אומעטום וואו עס געפינען זיך חלוצים גרופעס, באגייסטערט זיי און גיט זיי צו מוט אין זייער ארבעט. אין 1919 קומט ער אן קיין ארץ ישראל.

ניט קוקענדיק אויף די אומגעהייערע שוועריקייטן וואקסט און צעשפרייט זיך דאן דער יידישער ישוב איבער'ן לאנד א דאנק דעם גרויסן שטראם פון חלוצים.

קאלאניעס, אין אנהויב קליינע, וואקסן אויך אויס אין גליל. די קאלא־ניעס לעבן אין שטענדיקן געפאר פון אטאקעס מצד די אראבער.

די ארבעטער פון כפר גלעד, און תל חי פארשטייען אז פארלאזן די קא־לאניעס מיינט זיך איבערשרעקן פאר'ן שונא. זיי באשליסן אין אנזיכט פון גע־פאר צו פארטיידיקן זייער רעכט אויפ'ן לאנד.

פרייוויליקע חלוצים פון די קבוצות מיט טרומפלדורן אין דער שפיץ קומען העלפן די ארבעטער פון כפר גלעדי און תל חי. יוסף טרומפלדור שטארבט העלדיש מיט די ווערטער: „טוב למות בעד ארצנו”.

<u>מיט די שומרים אין גליל (פון מעמוארן פון א פרוי)</u>

דאס לעבן פון דעם שומר איז א לעבן פון שטענדיקן געפאר, וואנדערן און נע־ונד זיין.

אייניקע שומרים באשליסן אויפצובויען אן אייגענעווירטשאפט אין דעם גליל העליון.

מיט גרויס מי און שוועריקייט ווערט די ווירטשאפט ענדלאך אויפגעבויט. דארט וואו עס איז פריער געווען וויסטע, וואקסט אויס א קאלאניע און קינדערשע קול'כעלעך פארקלינגען דעם געגנט. דאס לעבן אין דער קאלאניע איז א לעבן פון ליבע, ארבעט און פאראנטווארטלאכקייט פון יחיד צום כלל.

(זע צפורה זייד'ס, מיט די שומרים אין גליל אין דעם בוך „וואס ארבע־טארינס דערציילן”).

(באמערקונג: ספעציעל אינטערעסאנט איז דער עפיזאָד מיט דער מוטער פון דעם געפערלאך קראנקן קינד)

יוסף טרומפלדור'ס לעצטע מינוטן:

אין מיטן קאמף ווערט יוסף טרומפלדור שטארק פארוואונדעט. פאלנדיק צו דער ערד, שרייט ער אויס צו זיין נאָענטן חבר: „א קויל האט מיך געטראָפן, זיי דו איצט דער קאָמאנדיר און פיר ווייטער אָן דעם קאמף". מע טראגט אים אריין אין דער דערבייאיקער שטאל. חברים זיינען זייער באזארגט. טרומפלדור דערשטיקט אין זיך יעדן סימן פון ווייטיק און פרעגט זיך נאָך וועגן דער לאגע. „פארבלייבט אויף אייער פלאץ ביז צום לעצטן מאָמענט", זאָגט ער צו זיי, „פארטיידיקט דעם כבוד פון אונדזער פאָלק". עטלאכע חברים לויפן אין כפר גלעדי נאָכ'ן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר קומט און באנדאזשירט אים די וואונדן, אָבער ס'איז שוין צו שפעט. „ס'איז גוט צו שטארבן פאר אונדזער לאנד" - זיינען געווען די לעצטע ווערטער פון יוסף טרומפלדור.

פאר די און אנדערע פונקטן זע:

„יזכור", א זאמעלבוך אין אָנדענק נאָך די געפאלענע יידישע שומרים און ארבעטער אין ארץ ישראל, רעדאגירט פון א.האשין און ד. בן-גוריון

„וואָס ארבעטארינס דערציילן", צוזאמענגעשטעלט פון רחל בצנלסון - רובאשאָוו, תל אביב 1931

„די סטאָרי אָוו תל-חי". בראָשור מיט ארטיקלען ארויסגעגעבן פון דעם זייאָניסט יוט קאונסיל, נ.י.

ו. שנײדער

געשיכטע

א מוסטער-לעקציע פארן 2טן לערניאר

רש״י

הײנט, קינדער, װעלן מיר לערנען װעגן א גרויסן ײדישן געלערנטן, װאס האט געלעבט מיט אסך יארן צוריק. אויב איר װילט װיסן װען ער האט געלעבט, װעל איך אײך זאגן: ער האט געלעבט מיט 400 יאר פריער, אײדער קאלומבוס האט אנטדעקט אמעריקע, אדער מיט 700 יאר פריער, אײדער װאשינגטאן איז געװארן פרעזידענט. דער נאמען פון דעם געלערנטן איז רש״י. אונטער דעם נאמען איז ער באקאנט צו יעדן ײדן און איז זײער שטארק באליבט בײ אלע ײדן אויף דער װעלט. (דער לערער שרײבט אן אויף דעם טאװל די אותיות רש״י און הײסט די קינדער איבערלײענען). מער װעגן אים װעל איך אײך דערצײלן שפעטער. פריער אבער װעל איך אײך דערצײלן א מעשה׳לע, א מעשה װאס האט טאקע מיט רש״י׳ן אלײן געטראפן.

אין יענער צײט האבן ײדן געלעבט אין אסך אסך לענדער, אין אײראפע און אין אזיע. זײ האבן געלעבט אין פראנקרײך, דײטשלאנד, ענגלאנד, שפאניע, איטאליע און א.װ. אין אונדזער אײגן לאנד ארץ ישראל האבן דאן געלעבט זײער װײניק ײדן.

רש״י האט געלעבט אין פראנקרײך, אין דער שטאט טרוא. ער האט דארט געלערנט מיט אסך מענטשן און געשריבן אסך ביכער. רש״י פלעגט אויך ארומפארן אין פארשידענע לענדער זען װי ײדן לעבן דארט. אײנמאל איז ער געקומען אין דער שטאט פראג. די ײדן אין יענער שטאט האבן נאך פריער זײער פיל געהערט פון רש״י׳ן און האבן אים זײער שײן אויפגענומען.- דערצײלט אונדז, האבן די ײדן פון פראג זיך בא אים געבעטן, דערצײלט װי לעבט זיך עס די ײדן אין פראנקרײך.

און רש״י האט דערצײלט אזוי:-די ײדן אין פראנקרײך לעבט זיך ניט שלעכט; זײ זײנען ניט אזוי רײך װי די ײדן אין שפאניע. זײ האבן ניט קײן רעכט צו באטײליקן זיך אין דער רעגירונג, אזוי װי די ײדן אין שפאניע; זײ טארן ניט זײן קײן מײארס, קײן ריכטער, זײ טארן אפילו ניט זײן קײן פאליצײ-

לײט ווי די ײדן אין שפאניע, זײ קאנען אבער רואיק האנדלען און פארנעמען זיך מיט פארשידענע מלאכות. אסך פון זײ זײנען אויך קרעמער און האבן קלענערע און גרעסערע קראמען (סטארס). זײ לערנען אבער זײער פיל. זײ לערנען די תורה און דעם תלמוד. זײ בויען אסך ײדישע שולן, פאר קלײנע קינדער און אויך פאר גרויסע מענטשן. זײ האבן אפילו אויפגעבויט אזעלכע גרויסע שולן ווי די ײדן האבן אמאל געהאט אין בבל.

נאכדעם ווי רש״י האט פארענדיקט, האבן די ײדן פון פראג אים צוגע־טראגן א שײנע מתנה און אויך געגעבן אים אסך געלט, כדי ער זאל קאנען זיצן און לערנען און שרײבן זײנע ביכער.

— א דאנק אײך, מײנע פרײנט, פאר דער גרויסער מתנה, האט רש״י געזאגט, אבער איך גלויב ניט אז איך בין עס ווערט. איך גלויב אז א רבי דארף לערנען זײנע תלמידים אומזיסט און דארף קײנמאל ניט נעמען קײן געלט פאר דעם גוטן וואס ער טוט פאר זײן פאלק. איך וויל אײך נאכאמאל דאנקען פאר דעם וואס איר האט מיך אזוי שײן און פרײנטלעך אויפגענומען.

— א, נײן, האט געענטפערט דער עלטסטער פון די ײדן פון פראג. דאס וואס מיר האבן געטאן פאר דיר איז זײער װײניק. מיר ווײסן וואס פאר א גוטס דו האסט אויפגעטאן פאר אונדז, פאר אונדזערע קינדער און פאר די ײדישע קינדער וואס וועלן קומען נאך אונדז. דו האסט געמאכט דעם תנ״ך (ביבל) אזוי קלאר, אז מיר און אונדזערע קינדער וועלן אים איצט קאנען פארשטײן. דו האסט אין דײנע ביכער פארטײטשט יעדן זאץ אין דער ביבל; דו האסט אונדז פארטײטשט יע־דעם ווארט וואס איז אונדז שווער געווען צו פארשטײן. און ווען מיר לײענען און לערנען דײנע ביכער פארשטײען מיר בעסער די ביבל. — און די ביבל איז דאך אונדזער שענסטער בוך, דאס בוך פון דער גאנצער וועלט.

רש״י האט געוואלט עפעס זאגן, אבער פלוצלינג האט זיך אויפגעפראלט די טיר פון דער שול, און אסך פאליצײלײט האבן זיך ארײנגעריסן. צווײ פון די פאליצײלײט האבן זיך אלאז געטאן צו רש״ין, אים אנגעכאפט פאר דער האנט און אויסגערופן:— דער דיוק האט געהײסן דיך ארעסטירן! א שרעק האט ארומ־גענומען אלע ײדן אין שול. עטלאכע עלטערע ײדן האבן זיך א לאז געטאן צום

בעלעמער, וואו רש"י איז געשטאנען. -ארעסטירן איב, האבן זיי געשריען. פאר־וואס?

– אט דער מענטש איז א שפיאן, האבן די פאליציילייט געענטפערט. ער איז געקומען אהער אויסצוזגעפינען וועגן אונדזער לאנד, כדי צו וויסן ווי אזוי גרינגער דאס צו אטאקירן אין מלחמה. ער קומט פון א פרעמד לאנד. מ'האט אים מסתמא אהער געשיקט ער זאל אלעס אויסגעפינען.

רש"י האט א קוק געטאן אויף די דערשראקענע יידן און געזאגט: שרעקט זיך נים, יידן, שרעקט זיך ניט, ברידער מיינע. עס וועט מיט מיר קיין שלעכטס ניט געשען, ווייל איך בין אומשולדיק. זייט געדולדיק און רואיק ביז דער משפט וועט פארקומען. איך בין מיט גאטס הילף זיכער אז מען וועט מיך באפרייען.

אזוי האט מען רש"יין אפגעפירט אין תפיסה און דארט איז ער געזעסן גאנצע 4 טעג און נעכט. ענדלעך איז דער טאג פון משפט געקומען. רש"יין האט מען געבראכט פאר'ן דיוק.

– ביסטו עס דער גרויסער יידישער געלערנטער, וועמען די יידן פון פראג האבן אפגעגעבן אזוי פיל כבוד? האט דער דיוק מיט בעס געפרעגט.

– יא. מיינע ברידער האבן מיך דא אויפגענומען מיט גרויס כבוד, האט רש"י געענטפערט.

– ווייבאלד אזוי, ביסטו, הייסט עס, דער שפיאן, האט הענגען דארף מען דיך!

אין דער זעלבער צייט איז דער בישאף, וואס איז געווען דער עלטסטער פון דעם דיוקס ריכטער, געזעסן און זיך שטארק איינגעקוקט אין רש"יס פנים. עס האט זיך אים אויסגעדאכט אז ער האט דעם געלערנטן מאנ'ס פנים שוין ערגעץ וואו געזען פריער. ער האט זיך אבער ניט געקאנט דערמאנען וואו און ווען ער האט זיך מיט רש"ין געטראפן. מ'האט געקאנט זען, אז דער בישאף שטרענגט זיך אן עפעס צו דערמאנען.

– יא, דאס איז ער, האט דער בישאף צו זיך געטראכט, דאס איז דער געלערנטער. יא, יא, איך בין זיכער, אז איך האב זיך מיט אים ערגעץ געטראפן. פלוצלינג האט ער זיך אויפגעשטעלט און געווענדט זיך צו רש"ין:

– זאג מיר, איך בעט דיך, ביסטו אמאל געווען אין ארץ ישראל?

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

— יאָ, האָט געענטפערט רש״י. איך פאָר אַרום פון לאַנד צו לאַנד, ווייל איך וויל וויסן ווי עס לעבן מיינע ייִדישע ברידער. וואוהין איך קום לערן איך מיט זיי.

רעדנדיק אַזוי האָט רש״י זיך איינגעקוקט אין בישאָפס פּנים און איז אויך דערקענט. דער בישאָף האָט זיך דאַן געווענדט צום דיוק און געזאָגט:

— קיין שלעכטס טאָר מיט דעם מאַן ניט פּאַסירן. באַפרייען דאַרף מען אים. איך קען אים. איך ווייס אַז ניט נאָר איז ער אַ גרויסער געלערנטער, נאָר אויך אַ וואונדערלעכער מאַן, וואָס פאַרמאָגט זייער אַ גוט האַרץ. הער אויס און איך וועל דיר וועגן אים עפּעס דערציילן:

— מיט אַ צייט צוריק בין איך געווען אין אַ שטאָט. איך בין דאַן איינגעשטאַנען אין אַן איינפאָר־הויז. אין דערזעלבער אכסניה איז איינגעשטאַנען אַ גרויסער ייִדישער געלערנטער. ווען איך האָב זיך וועגן דעם דערוואוסט, האָב איך זיך געוואָלט מיט אים באַקענען און איך האָב זיך טאַקע באַלד מיט אים באַקענט. פון דאַן אָן פלעגן מיר דאָרטן זיצן און רעדן וועגן רעליגיע, וועגן דער ייִדישער און קריסטלאַכער. ער האָט מיר דערציילט וועגן זיין אַרבעט און וועגן זיין לערנען. ער האָט מיר דערציילט, אַז ער וויל פאָרזעצן די שיינע אַרבעט וואָס די גרויסע געלערנטע האָבן אָנגעהויבן אַמאָל אין ארץ ישראל און אין בבל. ער האָט פאַר מיר קלאָר געמאַכט פילעס פון דער ביבל וואָס איך האָב פריער ניט גוט פאַרשטאַנען.

די דריטע נאַכט בין איך פלוצלינג קראַנק געוואָרן, און אָט דער געלערנטער, דער ייִד, איז ניט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט און איז געזעסן לעבן מיין געלעגער טאָג און נאַכט און דערלאַנגט מיר רפואות, וואָס ער אליין האָט פאַר מיר צוגעגרייט, ווייל ער האָט געוואוסט אַז די רפואות וועלן מיר העלפן און איך וועל געזונט ווערן. ווען ניט אָט דער ייִד, וואָלט איך שוין לאַנג טויט געווען. ווען מיר איז בעסער געוואָרן און איך האָב שוין געקאָנט אַראָפּגיין פון בעט, האָט רש״י זיך געלאָזט אין וועג אַריין. איך האָב אים געוואָלט געבן געלט, האָט ער ניט געוואָלט נעמען; איך האָב אים געוואָלט געבן אַ מתנה פאַר אָן אָנדענק, האָט ער אויך ניט געוואָלט. און מיט ליבע און פריינטשאַפט האָט ער צו מיר געזאָגט:

„דו ביסט ניט קיין ייִד, דיין אמונה איז ניט מיינע, נאָר דו ביסט געווען קראַנק,

האב איך געטאָן דאס בעסטע וואס איך האב נאר געקאנט, כדי דו זאלסט געזונט ווערן. איצט בעט איך דיך בלויז איין זאך: אויב דו וועסט אמאל באגעגענען א ייִדן וואס וועט זיך נויטיקן אין הילף, טו דו אויך פאר אים דאס בעסטע, וואס וועסט נאר קאָנען אים צו העלפן".

רש"י האט מיר דערלאנגט זיין האנט און מיר האבן זיך צעזעגנט. און ווייסט, גרויסער דיוק, אז דער מאן וואס שטייט דא איצט פאר אונדז איז ניט קיין אנדערער ווי יענער גרויסער רב און געלערנטער, וואס האט מיך געראטעוועט פון טויט. נו, קאן איך דען איצט טאן עפעס אנדערש ווי בעטן דיך אז דו זאלסט אים באפרייען, ווייל ער איז דער ערלעכסטער מענטש, וועמען איך האב אויף מיין לעבן באגעגנט.

רש"ין האט מען גלייך באפרייט. אלע ייִדן האבן זיך זייער געפרייט און רש"י איז צוריק אפגעפארן צו זיך אהיים קיין פראנקרייך.

<u>פראקטישע ארבעט:</u>

1) ס'איז זייער וויכטיק אז נאכדעם ווי דער לערער עגדיקט דערציילן אדער פארלייענען די מעשה, זאל ער זיך אפשטעלן, דערלויבנדיק א פאוזע אויף א מינוט, כדי די קינדער זאלן פארבלייבן אויף א מינוט אונטער דעם איינדרוק פון דער מעשה.

2) דער לערער טרעט איצט צו צו באארבעטן פראקטיש - דורך לייכטע פראגעס - דעם מאטעריאל פון דער מעשה. ביי די פראגעס מוז דער לערער ארויסהעלפן די קינדער אין ארויסקריגן דעם געווינטשטן ענטפער.

<u>פראגעס:</u>

1) ווי הייסט דער ייִד וועגן וועמען איך האב איך ערשט דערציילט? קינדער ענטפערן: רש"י.

2) וואס איז ער געווען? - ענטפער: א גרויסער ייִדישער געלערנטער.

3) וואו האט ער געלעבט? - ענטפער: אין פראנקרייך.

4) וואו האט פאסירט (איז זיך פארלאפן) די מעשה? - ענטפער: אין פראג.

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

5) פאַרוואָס האָבן די ייִדן אויפגענומען רש״ין מיט גרויס כבוד? – ענטפער: ווײַל ער איז געווען אַ גרויסער געלערנטער.

6) וואָס פאַר אַ גוטס האָט ער אויפגעטאָן פאַר די ייִדן? – ענטפער: ער האָט פאַרטײַטשט און קלאָר געמאַכט די ביבל.

7) פאַרוואָס האָט מען רש״ין אַרעסטירט? – ענטפער: ווײַל מען האָט געמיינט אַז ער איז אַ שפּיאָן.

8) ווער האָט געראַטעוועט רש״ין פון טויט? – ענטפער: דער בישאָף.

9) ווער קאָן דערצײַלן פאַרוואָס דער בישאָף האָט אים געראַטעוועט? אויב קיינער פון די תלמידים רופט זיך ניט אָפּ, רופט דער לערער אויס: – ווער וועט דערצײַלן דעם אָנהויב? דער לערער רופט אַרויס נאָך אַ קינד, וועלכעס זעצט פאָר די מעשה און נאָך אַ קינד אָדער צוויי, וועלכע פאַרענדיקן זי.

דער לערער מאַכט ווידער אַ פּויזע אויף אַ מינוט און זעצט פאָר:

– און איצט, קינדער, וועל איך אײַך דערצײַלן עפּעס וואָס וועגן רש״ין, וועט איר וויסן ווי אַזוי ער איז געוואָרן אַזאַ גרויסער געלערנטער. (דער לערער גיט דאָ איבער אַ קורצע ביאָגראַפיע פון רש״ין:) רש״יס אמת׳ער נאָמען איז געווען שלמה. (דער לערער שרײַבט אויף אויפ׳ן טאָוול שלמה, די ש׳ פון שלמה עטוואָס גרעסער). זײַן פאָטער׳ס נאָמען איז געווען יצחק. (דער לערער שרײַבט אויף דעם נאָמען יצחק צו לינקס פון דעם נאָמען שלמה). ווען רש״י איז געוואָרן אַ גרויסער געלערנטער, האָט מען אים אָפּגעגעבן כבוד און גערופן אים רבי. (דער לערער שרײַבט אויף דאָס וואָרט „רבי״ צו רעכטס פון דעם נאָמען שלמה, די „ר״ עטוואָס גרעסער).

– איצט, קינדער, קוקט זיך צו און זאָגט מיר וואָס איז דאָס ערשטע אות פון דעם וואָרט רבי? – ענטפער: „ר״. וואָס איז דאָס ערשטע אות פון וואָרט שלמה? – ענטפער: „ש״. און וואָס איז דאָס ערשטע אות פון וואָרט יצחק? – ענטפער: „י״. אָט פון די ערשטע אותיות פון די דרײַ ווערטער: רבי, שלמה, יצחק, נעמט זיך דער נאָמען רש״י.

הײַסט עס, אַז ווען רש״י איז געווען אַ קלײַן ייִנגל האָט מען אים גערופן

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

שלמה. אט דער שלמה האט זייער ליב געהאט לערנען. זיינע לערער זיינען מיט אים געווען זייער צופרידן. וואס א יאר האט ער אלץ בעסער געלערנט, און אלע אין שטאט האבן געוואוסט, אז שלמה איז א גרויסער לערנער און וועט אמאל אויס־וואקסן א גרויסער מענטש. ער האט זייער יונג חתונה געהאט, און כאטש ער האט געדארפט זארגן וועגן פרנסה פאר זיין פאמיליע, האט ער דאך ניט אויפגעהערט צו לערנען. ער פלעגט אפטמאל פארן אין אן שטאט אדער אין א צווייטער, כדי דארטן צו לערנען זיך ביי די גרעסטע געלערנטע וואס האבן דארט געלעבט. ער האט געלערנט אפילו דאן, ווען ער האט אין הויז ניט געהאט גענוג ברויט פאר זיך און זיין פאמיליע. אזוי ארום איז ער אויסגעוואקסן א גרויסער געלערנטער מענטש, וואס האט גוט געקענט דעם תנ"ך, דעם תלמוד און אויך אנדערע גרויסע יידישע ביכער. ער האט אויך געקענט אנדערע שפראכן. פיל גרויסע יידישע גע־לערנטע פלעגן צו אים שרייבן בריוו און בעטן אים ער זאל זיי דערקלערן אסך זאכן אין דער תורה, וואס זיי האבן אליין ניט גוט פארשטאנען.

איינמאל איז צו רש"ין געקומען דער געדאנק, אז ער זאל די ביבל אויסטייטשן אזוי פשוט, אזוי קלאר, אז אפילו קינדער זאלן קאנען פארשטיין און ער האט דאס געטאן. ער האט געארבעט אסך יארן אויף דעם ביז ער האט די ארבעט פארענדיקט.

געשטארבן איז רש"י אין דער שטאט ווארמס, ווען ער איז אלט געווען 65 יאר. די יידן האבן זייער באוויינט דעם טויט פון דעם גרויסן געלערנטן. ער האט איבערגעלאזט דריי טעכטער. זיינע איידעמס און זיינע איניקלאך זיינען אויך אויסגעוואקסן גרויסע געלערנטע .

<u>קארטלאך:</u>

עס איז וויכטיק און ראטזאם אז דער לערער זאל איצט פארצייכנען א פאר שטריכן אויף קארטלאך. אויף איין זייט פון קארטל דעם נאמען רש"י – רבי שלמה יצחק – אויף דער אנדערער זייט א 3–4 וויכטיקע פונקטן.

<u>נאך פראגעס וועלכע קאנען געשטעלט ווערן די קינדער אין פארבינדונג</u>

<u>מיט דער לעקציע:</u>

1) וואָס האָט רש"י דערציילט די ייִדן פֿון פּראָג וועגן די ייִדן פֿון פֿראַנקרייך?

2) וואָס האָבן די ייִדן פֿון פֿראַנקרייך ניט געטאָרט זײַן?

3) מיט וואָס האָבן זיי זיך באַשעפֿטיקט?

4) האָבן די ייִדן אין פֿראַנקרייך געהאַט ייִדישע שולן?

5) זײַנען זיי געווען געלערנט?

6) אַחוץ שרײַבן ביכער וואָס נאָך האָט רש"י געהאַט צו טאָן? ענטפֿער: לערנען יונגען; אַרומפֿאָרן.

7) פֿאַרוואָס איז רש"י אַרומגעפֿאָרן אין פֿאַרשיידענע לענדער? ענטפֿער: ווײַל ער האָט געוואָלט וויסן ווי די ייִדן לעבן דאָרטן.

8) וואו האָט זיך די ייִדן אין יענער צײַט געלעבט בעסער? אין פֿראַנקרייך צי אין שפּאַניע? – ענטפֿער: אין שפּאַניע.

9) מיט וואָס?

10) ווען האָט רש"י געלעבט? מיט וויפֿיל יאָר צוריק? – ענטפֿער: 700 יאָר פֿאַר וואַשינגטאָנען.

דער לערער באַמערקט אַז הײַנטיקס יאָר איז דאָ געפֿײַערט געוואָרן דער 900 יעריקער געבורטסטאָג רש"יס.

11) אין וועלכע לענדער האָבן ייִדן געלעבט אין יענע צײַטן?

12) האָבן אין ארץ ישראל דאַמאָלט געלעבט אַסך ייִדן? – ענטפֿער: ניין.

באַמערקונג: די לעקציע איז צונויפֿגעשטעלט לויט דעם מאַטעריאַל וועלכער איז אָנגעגעבן אין דער לעקציע איבער רש"יין.

ניו יאָרק, 1940.